# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ויצא

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

מכון
באר האמונה

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת ויצא


ו'ירא י'עקב צ'ורת א'ל"ף - זעהן דעם באַשעפער אין יעדע זאַך........ד

אם יהיה אלוקים עמדי - די ישועה וועט קומען ווען די וועסט זיך באמת פאַרלאָזן אויפן בוכ"ע......ח

וזה שער השמים - יראת שמים איז די שליסל צו סייעתא דשמיא אין אַלע ענינים.............יד

שמרני כאישון בת עין - די הילולא קדישא פון הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע...............טז

סעדני ואוושעה - די סגולה פון פראַוועון אַ סעודת הילולא...........................יט

תורתו מגן לנו - לערנען זיינע הייליגע דברי תורה.......................כה


**ספה"ק בת עין**

... **וְזֶה הוּא בְּחִינַת צַדִּיקֵי הַדּוֹר** און דאס איז די בחינה פון צדיקי הדור, **שֶׁזּוֹכִים לָבֹא לִבְחִינַת הָאַהֲבָה הָעַזָּה** וואס זיי זענען זוכה צו צוקומען צו די שטארקע אהבה, **מֵחֲמַת מַעֲשֵׂי הַמִּצְוֹת שֶׁתָּמִיד עוֹסְקִים בָּהֶם בְּלִי בִּיטּוּל אֲפִילּוּ רֶגַע אַחַת לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם** וואס זיי זענען שטענדיג באשעפטיגט מיט די מעשי המצוות און צו מבטל זיין אפילו איין רגע פאר גארנישט חס ושלום, **וּמֵחֲמַת זֶה הַבּוֹרֵא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא מַשְׁפִּיעַ לָהֶם בְּחַסְדּוֹ הַטּוֹב אוֹר הָאַהֲבָה הָעַזָּה** און וועגן דעם איז דער באשעפער מיט זיין גוטע חסד זיי משפיע די ליכטיגקייט פון די אהבה.

**וְזֶהוּ 'כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר'** (משלי ו, כג) און דאס מיינט די פסוק 'אז די מצוה איז צוגעגליכען ווי א ליכט - און תורה צו א ליכטיגקייט', **הַיְינוּ עַל יְדֵי נֵר מִצְוָה שֶׁצַּדִּיקֵי הַדּוֹר עוֹסְקִים בָּהֶם** דאס מיינט דורך די 'נר מצוה' (די מעשי המצוות) וואס די צדיקים זענען באשעפטיגט מיט זיי, **זוֹכִים לְ'תוֹרָה אוֹר' הָאַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל** זענען זיי זוכה צו די אור פון די תורה וואס דאס מיינט די ליכטיגקייט פון די שטארקע אהבה ווי אויבענדערמאנט.

**וְאָז הַתּוֹרָה אוֹר אַהֲבָה עַזָּה הַנַּ"ל** און דעמאלסט איז די תורה וואס דאס איז די ליכטיגקייט פון די שטארקע אהבה, **הוּא בִּבְחִינַת מְאוֹרָשָׂה לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר** איז אזוי ווי חתונה געהאט און באהאפטען מיט די צדיקי הדור, **בִּבְחִינַת אַחְדּוּת** א בחינה פון איינס מיט זיי, **מֵחֲמַת מַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים מְאוֹד** וועגן זייערע גוטע מעשים, **כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל** (ברכות נז.) עַל פָּסוּק (דברים לג, ד) 'תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה', אַל תִּקְרֵי מוֹרָשָׁה אֶלָּא מְאוֹרָשָׂה אזוי ווי חז"ל האבען גע'דרשנט אויף די פסוק 'די תורה וואס משה האט אונז געגעבן איז א ארבטייל' זאגען אונז חז"ל לייען נישט ווי אין פסוק שטייט 'מורשה' (אז ס'איז א ירושה) – נאר 'מאורשה' וואס מיינט אז די יודען האבן חתונה געהאט מיט די תורה... **(ד"ה ולבן הלך לגזוז את צאנו)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# ויצא - בת עין

## ו'ירא י'עקב צ'ורת א'ל"ף - זעהן דעם באַשעפער אין יעדע זאַך

'**ויצא** יעקב מבאר שבע' (כח, י). זאָגט דער 'מגלה עמוקות' זי"ע, 'ויצא' איז ראשי תיבות ו'ירא י'עקב צ'ורת א'ל"ף[א]. דאָס מיינט, אין יעדע זאַך וואָס האָט פּאַסירט מיט יעקב אבינו ע"ה, האָט ער געזעהן פאַר זיינע אויגן, נישט קיין צרות און נישט קיין יסורים - נישט עשו און נישט לבן, נישט דינה, און נישט יוסף, נאָר די צורה פון 'א' - **אלופו של עולם**. ביי אַלעם וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם, האָט יעקב געוואוסט אַז 'אין עוד מלבדו, אפס זולתו'[ב], און אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, פאַר זיין פולשטענדיגע טובה[ג].

---

**א.** דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט די פאָלגענדע ווערטער, צו איינעם פון די תלמידים פון זיין רבי'ן, דעם גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע: איך האָב דאָך אַ חיוב צו לערנען תורה מיט מיין זון, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (דברים ו, ז) 'ושננתם לבניך', און דו האָסט אַ חיוב אַהיימצוברענגען פרנסה פאַר דיינע בני בית. אַלזאָ, לאָמיר זיך טוישן: איך וועל דיר העלפן מיט דיין פרנסה, און דו וועסט מיר העלפן דורך לערנען מיט מיין זון (דער מיטעלער רבי פון ליובאַוויטש, הרה"ק רבי דוב בער זי"ע). וואָס וועסטו מיט איהם לערנען? דו זאָלסט לערנען מיט איהם אַז דער ערשטער אות פון א' ב' איז אַן א', וואָס די צורה פון דעם אות א' באַשטייט פון אַ פּינטל אויבן, און אַ פּינטל אונטן, און אַ שטריך וואָס טוט זיי באַהעפטן. דאָס לערנט אונז אַז מיר דאַרפן באַהעפטן דאָס אויבערשטע מיט'ן אונטערשטען. דאָס מיינט, **מיר זאָלן וויסן און אנערקענען אַז אַלעס וואָס מ'טוט דאָ אויף דער וועלט, האָט מען פריער אויסגערופן אויבן אין הימל**. ווי אַזוי קען דער מענטש דאָס וויסן? איז דער תירוץ, מיט אמונה. מ'זאָל געדענקען אַז עס פּאַסירט גאָרנישט אויף דער וועלט, **אַפילו אַ קליין 'פּינטל'**, אויב מ'האָט עס נישט אויסגערופן אין הימל. (קונטרס 'היום יום', ח' אדר)

**ב.** אַזוי טייטשט הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע ('כנסת דוד', ערך אמונה וענוה), דעם פסוק (תהלים קיח, ז) 'ה' לי בעוזרי, ואני אראה בשונאי'. דעם געפיל אַז **'ה' לי'** - דער אויבערשטער איז מיט מיר אויף יעדן טריט און שריט אין לעבן, **'בעוזרי'** - דאָס ווינטש איך פאַר מיינע גוטע פריינט און קרובים, זיי זאָלן האָבן דעם דאָזיגן געפיל... ווייל מיר ווייסן דאָך אַז 'והבוטח בה' חסד יסובבנו'. אָבער **'ואני'** - צו לעבן מיט'ן געפיל אַז 'איך' האָב געטוהן, און 'איך' וועל ווייטער טוהן... **'אראה בשונאי'** - דאָס וויל איך זעהן ביי מיינע פיינט, זיי זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף דעם וואָס זיי האָבן אַסאַך גוטס, און עס פעלט זיי גאָרנישט אויף דער וועלט. ממילא, וועלן זיי ליידן אַ גרויסע מפלה.

**ג.** אין גאַנץ פרשת ויצא, איז נישט דאָ קיין הפסק צווישן די פרשיות, אַ 'פּתוחה', אָדער אַ 'סתומה'. זאָגט דער 'שפת אמת' (ויצא תר"נ) אַז די הפסקות זענען דאָך געגעבן געוואָרן צו לאָזן פלאַץ, דער מענטש זאָל זיך קענען מתבונן זיין צווישן איין פרשה און די אַנדערע פרשה (ווי דער ספרא זאָגט אין פרשת ויקרא), אָבער דאָ וואו יעקב אבינו ע"ה האָט געליטן אַזעלכע צרות **איז נישט די צייט זיך אָפּצושטעלן און זיך מתבונן זיין דערין**, ווייל דורך דעם קען דער מענטש ווערן אָפּגעשוואַכט אין זיין אמונה. ווען עס איז אַ שווערע תקופה ח"ו, טאָר דער מענטש זיך נישט אָפּשטעלן, נאָר ער דאַרף ממשיך זיין און גיין ווייטער. ער דאַרף גלייבן מיט אמונה פשוטה, **אָן זיך מתבונן צו זיין דערין**, ווייל באמת איז דאָך אַלעס פאַר די פולשטענדיגע טובה פונעם מענטש. נאָר ווען די צרות וועלן זיך ענדיגן דאַרף דער מענטש זיך מתבונן זיין אינעם עבר, און דאַן זעהט ער מיט'ן אויבערשטען'ס הילף ווי אַלעס איז געווען לטובה.

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ היימישער איד פון ירושלים, אַ מדקדק בהלכה, אַז ער האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין דאַך אַ באַזונדערן פאַס ('דוד') צו זיך קענען באַנוצן מיט'ן וואַסער אין שבת. אויך האָט ער צוגעטשעפּעט צום בנין אַ ספּעציעלן 'גענעראַטאָר' פאַר עלעקטריק.

אין זעלבן הויז האָט געוואוינט אַ איד, וואָס האָט איהם שטאַרק גע'רודפ'ט צוליב קנאה. די קנאה האָט יענעם אַזוי ווייט נאָכגעיאָגט, אַז ער האָט איהם פאַר'מסר'ט פאַר די שטייער באַאַמטע אַז ער טוט נישט איינמעלדן טייל

צוליב דעם איז דער אויבערשטער געווען מיט יעקב אבינו ע"ה, און ער האָט איהם געהיטן איבעראַל וואו ער איז געגאַנגען[ד].

**ווייטער** אין דער פרשה (כח, כ) לייענען מיר: 'וידור יעקב נדר לאמור אם יהיה אלוקים עמדי' וגו'. פרעגן די מפרשים, וואָס איז דער באַדייט פון דעם וואָרט 'לאמור' - צו וועמען ער האָט יעקב אבינו ע"ה געזאָגט די ווערטער?

**ענטפערט** הרה"ק בעל 'תורת חיים' זי"ע פון קאָסוב, אַז ווען יעקב אבינו ע"ה איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין טאַטע יצחק'ס הויז, צו גיין קיין חרן צו לבן, האָט ער מורא געהאַט וואָס זיין גורל וועט זיין אין אַ הויז פון רשעים וואָס לייקענען אין באַשעפער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער איינציגער וועג ווי אַזוי ער קען געראַטעוועט ווערן פון די רשעים איז, אויב דער 'שם שמים' וועט שטענדיג זיין שגור בפיו. ער וועט אייביג זאָגן '**אם ירצה השם**', און '**בעזר השם**', וויסנדיג קלאָר[ה]

---

פון זיינע הכנסות. אַלס אַ באַוויז דערויף, האָט ער געברענגט דאָקומענטן וואָס ווייזן אַז ער פאָרט אַסאַך אַרויס קיין חוץ לארץ. אין פאַקט, איז דער איד אַ משולח, וואָס פאָרט אָפט קיין אויסלאַנד שאַפן געלט פאַר אַ חשוב'ן כולל...

האָט מען אַריבערגערופן דעם איד צוזאַמען מיט זיין בני בית, צום שטייער אַמט פאַר אויספאָרשונגען. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זיי האָבן דאָרט נישט געטראָפן קיינע באַווייזן קעגן זיי. עס האָט אָבער פּאַסירט אַ גרויסער נס, ווייל דער נאָמען פון זיין פרוי איז '**מאשה**', און אינמיטן די אויספאָרשונג האָט דער שטייער באַאַמטער זיך געכאַפּט אַז אין דער פרוי'ס אידענטיטעט קאַרטל ('תעודת זהות') שטייט געשריבן '**משה**', אנשטאט 'מאשה', וואָס אַלס רעזולטאַט דערפון האָבן די באַאַמטע פונעם שטייער אַמט געמיינט אַז דאָ רעדט מען פון אַ מאַן, און נישט פון אַ פרוי (וואָס אַ מאַן צאָלט העכערע שטייערן ווי אַ פרוי), אַזוי אַז אין משך פון יאָרן האָבן זיי געמאָנט פון איר שטייערן אַזוי ווי פון אַ מאַן, און יעצט האָט זיך גאָר אַרויסגעשטעלט אַז צוליב דעם קומט איר **צוריקצוצאָלן** אַ גאָר שיינע סומע געלט פאַר אירע איבערגעצאָלטע שטייערן...

אַזוי איז פון די **רדיפות** פונעם אומפאַרגינערישן שכן, אַרויסגעקומען אַ גרויסע **טובה**, ווייל זיי האָבן דאָך פאַרדינט אַסאַך געלט אַלס רעזולטאַט פון יענעם'ס מסירה.

**ד.** דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים צב, י) 'כי הנה אויביך ה' כי הנה אויביך יאבדו'. ווען דער מענטש ווייסט אַז אַלע זיינע שונאים קומען פון דעם אויבערשטען, און אַז דער אויבערשטער באַהאַלט זיך אונטער אַלעם, '**כי הנה אויביך יאבדו' - וועלן אַלע זיינע צרות פאַרלוירן גיין.**

## מן הבאר

אַ וואונדערליכן רמז, זאָגט דער גאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל, אויפ'ן פסוק (תהלים קכה, ב) 'ירושלים הרים סביב לה, וה' סביב לעמו'. ביינאַכט זעהט מען נישט די בערג וואָס נעמען אַרום די שטאָט ירושלים (ווייל ס'איז דאָך טונקל), אָבער אינדערפרי, זעהט מען יאָ די שפּיצן פון די בערג. וועט איינער דען זאָגן אַז די בערג זענען געקומען אַהער היינט אינדערפרי? אַוודאי נישט. נאָר וואָס דען, זיי זענען דאָ געווען שוין פון נעכטן, נאָר ביינאַכט האָט מען זיי נישט געזעהן.

דאָס זאָגט דער פסוק, '**ירושלים הרים סביב לה**'. די בערג נעמען אַרום ירושלים אויך ביינאַכט, נאָר ביינאַכט קען מען זיי נישט זעהן. אַזוי אויך '**וה' סביב לעמו**' - דער אויבערשטער געפינט זיך אַרום זיין פאָלק צו יעדער צייט זיי צו היטן, נאָר וואָס דען, ווען ס'איז 'טונקל' זעהט מען איהם נישט כביכול, אָבער ער געפינט זיך זיכער דאָ.

**ה.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לא, כט) 'יש לאל ידי לעשות עמכם רעה, ואלוקי אביכם אמש אמר אלי לאמור השמר לך' וגו', זאָגט דער גאון רבי שלום שוואַדראָן זצ"ל אַ כוונה אינעם פסוק, לויט ווי דער 'אַלטער' זצ"ל פון נאַווהאַרדאָק האָט דערציילט (וועגן זיך אַליין), אַז עס איז געווען אַ ישיבה-בחור, וואָס האָט געדאַרפט אַהיימפאָרן דרינגענד צוליב כיבוד אב ואם. ער האָט אָבער ליידער נישט געהאַט קיין געלט אויף די הוצאות אַהיימצופאָרן.

וואָס האָט דער בחור געטוהן? ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אמונה און בטחון, אַז דער זעלבער באַשעפער וואָס זאָרגט פאַר אַלע זיינע באַדערפענישן, וועט אויך זעהן דערצו אַז ער זאָל האָבן אויף די הוצאות אַהיימצופאָרן,

און ער האָט פאַרשטאַנען אַז צוליב דעם חיוב פון השתדלות, דאַרף ער טוהן אַלעס וואָס אין זיינע מעגליכקייטן צו טוהן. ער האָט אָנגעהויבן צו וואקן ביז צו דער באַן-סטאַנציע, וואָס איז געווען גאר ווייט פון די ישיבה, זייענדיג פאַרזיכערט אויף דעם באַשעפער אַז ער וועט איהם צושטעלן די הוצאות פון וועג.

דער בחור איז אָנגעקומען צו די באַן-סטאַנציע עטליכע שעה איידער די באַן - וועלכע פלעגט פאָרן איין מאָל אַ וואָך - איז אָנגעקומען. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, און געעפענט די גמרא וואָס ער האָט מיטגענומען אויפ'ן וועג, און זיך גענומען לערנען, גלייך ווי ער וואָלט יעצט געזעסן אין בית המדרש, ווייל ער האָט דאָך שוין געטוהן זיינס מיט'ן גיין צו די באַן-סטאַנציע.

אַ קורצע צייט שפעטער, איז צוגעקומען צו איהם אַ איד, וועלכער האָט זיך געפרייט צו באַגעגענען נאָך אַ איד צווישן אַזוי פיל גוים, און ער האָט איהם אָנגעבאָטן אַרויפצוקומען מיט איהם צוזאַמען אויפ'ן באַן, און אַזוי וועלן זיי קענען כאַפּן אַ פּלאַץ אין אַ ווינקל, נישט צו דאַרפן זיך אויסמישן מיט די גוים אויפ'ן באַן. אַזוי וועלן זיי אויך קענען אויסנוצן דעם לאַנגע וועג, צו קענען שמועסן אין לערנען.

האָט דער בחור געזאָגט צו דעם איד, 'איך וויל טאַקע פאָרן מיט'ן באַן, אָבער איך האָב נאָך נישט געקויפט אַ רייזע-בילעט'. האָט דער איד איהם געזאָגט: 'נו, גיי שנעל און קויף אַ בילעט, ווייל דער באַן פאָרט דאָך שוין באַלד אַוועק פון דאָ'. האָט דער בחור געזאָגט פאַר דעם איד, אַז ער האָט אַ קליינעם פּראָבלעם... ער פאַרמאָגט נישט קיין געלט צו קויפן אַ באַן-בילעט... האָט דער איד זיך זייער שטאַרק געוואונדערט: אויב אַזוי, פאַרוואָס ביזטו געקומען ביז אַהער? פאַרוואָס האָסטו זיך געשלעפּט אַהער דריי טעג, אויב דו האָסט נישט אַ רייזע-בילעט? ווי אַזוי האָסטו געטראַכט צו באַקומען אַ בילעט? האָט דער בחור געענטפערט תמימות'דיג:

- כ'בין זיכער, אַז דער באַשעפער וועט מיר צושטעלן אַ וועג ביז אַהיים! דעם חיוב פון השתדלות האָב איך שוין מקיים געווען, ווייל כ'בין דאָך געקומען צופיס ביז אַהער. דער גוטער באַשעפער, דער 'בעל היכולות כולם', וועט צושטעלן פאַר מיר וואָס איך קען נישט אַליין טוהן...

האָט דער איד אָפּגעלאַכט פון דעם בחור:

- וואָס בטחון, ווען בטחון? אויב דו האָסט נישט גענוג געלט צו קויפן אַ רייזע-קאַרטע, האָסטו געדאַרפט בלייבן לערנען אין ישיבה, און נישט באַגיין אַזעלכע נאַרישע שריט, צו גיין צופיס דריי טעג ביז אַהער. צו די באַן-סטאַנציע קומט מען מיט געלט צו קויפן אַ בילעט, נישט מיט בטחון... מיט בטחון, קען מען נישט קויפן אַ בילעט!

דער איד האָט זיך געזעגנט פון איהם מיט אָפּשפּעטונג. ער האָט געקויפט אַ בילעט, און איז אַרויף אויפ'ן באַן. עטליכע שעה שפעטער, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פאַר די באַן אָפּצופאָרן פון דאָרט, אַלע רייזענדע זענען שוין געווען אויפ'ן באַן, און דער בחור איז נאָך אַלץ געזעסן אין דער סטאַנציע און זיך פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען... דער "קאָנדוקטאָר" האָט שוין אָנגעהויבן פייפן, וואָס איז געווען די ערשטע וואָרענונג אַז אין פינף מינוט וועט ער אַוועקפאָרן פון דאָ. דער בחור איז אָבער נאָך אַלץ געזעסן רואיג, זייענדיג פול מיט בטחון. און אָט הערט מען שוין דעם צווייטן פייף, וואָס לאָזט וויסן אַז אין צוויי מינוט וועט דער באַן אָפּפאָרן... פּלוצלינג איז געקומען צו לויפן אַ איד, וועלנדיג כאַפּן דעם באַן אין די לעצטע מינוט, און אַדורכלויפנדיג פאַרביי דעם בחור האָט ער איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער גייט נישט אַרויף אויפ'ן באַן. "קום שנעל אַרויף אויפ'ן באַן... אויב דו האָסט נישט קיין געלט פאַר אַ בילעט, וועל איך צאָלן פאַר דיר...', און ער האָט אַרויסגענומען געלט פון טאַש, און געקויפט צוויי בילעטן.ביידע זענען שנעל אַרויפגעשטיגן אויפ'ן באַן.

אַזוי ווי זיי זענען אַרויפגעקומען אויפ'ן באַן, האָט מען געהערט אַ דריטן פייף, און דער באַן האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. דער בחור האָט זיך שטאַרק באַדאַנקט פאַר דעם ברייטהאַרציגן איד וועלכער האָט איהם געהאָלפן מיט קויפן אַ בילעט, לויבנדיג דערביי דעם באַשעפער פאַר'ן איהם אַרויסווייזן זיינע אָפענע רחמים און חסדים אויף אַזאַ וואונדערליכן אופן.

שפעטער, ווען דער בחור איז געגאַנגען זוכן אַ פּלאַץ זיך צו זעצן אויפ'ן באַן, וואָס איז געווען פול מיט מענטשן, האָט ער באַגעגענט דעם ערשטן איד וואָס האָט איהם פריער אָפּגעלאַכט, וועלכער האָט זיך זייער געוואונדערט איהם צו זעהן יעצט אויפ'ן באַן. האָט דער בחור דערציילט פאַר דעם איד, וועגן די וואונדער פון דעם באַשעפער, 'אשרי אדם בוטח בך', און אַז ממש אין דער לעצטער מינוט איז אָנגעקומען אַ איד און האָט באַצאָלט פאַר זיין רייזע-בילעט. 'זעהט איר דאָך קלאָר, אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס העלפט דעם מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך

אַז אָן דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען קען דער מענטש נישט אויפהייבן אַ האַנט אָדער אַ פוס, און אַז נאָר פון הימל וועט מען פאַר איהם באַשטימען ווען און ווי אַזוי ער זאָל זעהן די ברכה אין זיין אַרבעט, ממילא, האָט ער נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן צו גיין צום הויז פון לבן הארמי, און אויך אַזאַ פאָפער ווי לבן וועט איהם גאָרנישט קענען טוהן שלעכטס, אויב מ'וועט נישט אויסרופן וועגן דעם אין הימל[1]. (געבערענגט

אויף איהם, ווי דער מדרש זאָגט (שוחר טוב, תהלים לא) 'כל הבוטח בשמי, אני מצילו'. דער אויבערשטער זאָגט, יעדער מענטש וואָס פאַרזיכערט זיך אויף מיין נאָמען (אַז איך וועל איהם העלפן) טוה איך איהם ראַטעווען'. האָט דער איד איהם געזאָגט:

- נאַר איינער! ווי אַזוי קענסטו זאָגן אַז דאָס האָט פאַסירט אין זכות פון דיין בטחון אין דעם באַשעפער? דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט אַז ממש אין דער לעצטער מינוט איז געקומען דער איד און געקויפט פאַר דיר אַ בילעט. שטעל דיר פאָר, אויב ער וואָלט פאַרשפעטיגט מיט אַ סעקונדע, וואָלסטו געבליבן זיצן אויף די באַן-סטאַנציע איינער אַליין, אָן יעדע מעגליכקייט אַהיימצופאָרן. אויב אַזוי, ווי אַזוי קענסטו רעדן וועגן 'בטחון', און נעמען אַזאַ שאַנס, ווען אַ קליינע פאַרשפעטיגונג פון דעם איד, וואָלט דיך איבערגעלאָזט דאָ אויפ'ן באַן-סטאַנציע אַליין...

דער אמת איז אָבער, אַז ס'איז נישט נויטיג אַפילו צו פרובירן אָפּרעגן די נאַרישע טענות פון דעם שוטה, וועלכער האָט זיך אַליין אָפּגעוואָנדן מיט זיינע ווערטער.

לויט דער דאָזיגער מעשה, זאָגט רבי שלום שוואַדראָן, אַז די זעלבע זאַך געפינען מיר ביי לבן הארמי, וועלכער האָט זיך געפירט ווי יענער נאַרישער איד (להבדיל). ער זאָגט מיט זיין גרויסן שטאָלץ צו יעקב אבינו ע"ה: דער אמת איז, אַז איך קען אייך טוהן שלעכטס. איך האָב די מעגליכקייט אומצוברענגען דיך און דיין משפחה אין אַ סעקונדע, און ענק וועלן זיך אַפילו נישט קענען קעגנשטעלן. איך האָב אָבער אַ 'קליינעם' פּראָבלעם: 'ואלוקי אביכם אמש אמר אלי לאמור, השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע'. פונקט נעכטן נאַכט האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו מיר אין חלום, און ער האָט מיך שטרענג אָנגעוואָרענט אַז איך זאָל דיר נישט שלעכטס טוהן. איי... איי... איך האָב קיינמאָל נישט זוכה געווען צו אַזאַ געטליכן חזיון, און פונקט נעכטן האָט עס פאַסירט... זאָלסטו וויסן, יעקב, אויב דער אויבערשטער וואָלט זיך באַוויזן צו מיר היינט ביינאַכט. דאָס הייסט, אויב ער וואָלט כביכול 'פאַרשפעטיגט' מיט איין נאַכט, וואָלסטו דאָך שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיגע. ער איז געקומען צו מיר, ממש אין דער לעצטער סעקונדע...

אַזעלכע ווערטער, רעדט אַ רשע ווי לבן, וואָס 'ולבן ביקש לעקור את הכל'. אויך נאָך אַ געטליכע אַנטפּלעקונג אינמיטן נאַכט וואָס שטעלט איהם אויפ'ן פּלאַץ, און לאָזט איהם נישט אומברענגען זיינע נאָנטסטע משפחה-קרובים, טוט ער זיך ווייטער האַלטן גרויס מיט זיין 'כוחי ועוצם ידי', און ער שטאָלצירט כאילו ווי ער איז נאָך בכח צו טוהן עפּעס קעגן דעם רצון פון דעם אויבערשטען.

דאַרף מען זיך דעריבער שטאַרק היטן, נישט צו זיין חלילה אַזוי ווי לבן... ווייל ס'איז דאָך נישט דאָ אַ מענטש וואָס האָט נישט אַליין געזעהן די וואונדערליכע השגחה פּרטית פון באַשעפער אויף דער וועלט.

**ו.** דער 'אמרי ברוך' ברענגט דאָרט אַ מעשה, וואָס האָט פאַסירט מיט אַ חסיד פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'תורת חיים' מקאָסוב זי"ע, אַז ער האָט זיך אַמאָל אין אַ דאָנערשטאָג פרשת ויצא, געזעגענט פונעם 'תורת חיים', און איהם געזאָגט, אַז אין לויף פון זיין נסיעה האָט ער אין פּלאַן צו זיין שבת פרשת וישלח, אין דער שטאָט זאבלטוב. האָט דער 'תורת חיים' איהם געפרעגט, 'צי זעהט עס דיר אויס אַז שבת פרשת וישלח, וועסטו פאַרברענגען אין זאַבלטוב?' דער חסיד האָט נישט פאַרשטאַנען די כוונה פונעם 'תורת חיים'.

למעשה, האָבן זיך געמאַכט פאַרשידענע עיכובים פאַר דעם חסיד, און ער האָט נישט באַוויזן אָנצוקומען קיין זאַבלטוב אויף שבת פרשת וישלח, און ער איז געווען געצוואונגען צוריקצופאָרן קיין קאָסוב צום רבי'ן, און איז דאָרט געווען אויף שבת. ווען ער האָט נאָך אַמאָל דערלאַנגט 'שלום עליכם' פאַר'ן 'תורת חיים', האָט ער איהם געפרעגט:

- אויב דער רבי האָט געוואוסט אַז איך וועל נישט באַווייזן אָנצוקומען אין זאַבלטוב, פאַרוואָס האָט דער רבי מיך נישט צוריקגעהאַלטן פון אַרויסלאָזן זיך אויפ'ן וועג?

האָט דער 'תורת חיים' איהם געענטפערט:

אין ספר 'אמרי ברוך', פון זיין איניקל הרה"ק רבי ברוכ'ל ווישניצער זי"ע, פ' דברים, און אַזוי שטייט שוין אויך אין 'משכנות יעקב', פון רבי יעקב בן נעים, געדרוקט אין יאָר תפ"א)

**אם יהיה אלוקים עמדי - די ישועה וועט קומען ווען די וועסט זיך באמת פאַרלאָזן אויפן בוכ"ע**

'**ויַרא** יעקב את פני לבן והנה איננו עמו כתמול שלשום, ויאמר ה' אל יעקב שוב אל ארץ אבותיך ולמולדתך ואהיה עמך, וישלח יעקב ויקרא לרחל וללאה' וגו' (לא, ב-ד).

**לויט'ן** פשוט פשט, זעהט אויס פון די פסוקים אַז עס זענען געווען צוויי סיבות פאַרוואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט אַנטלויפן פון לבן און צוריקגיין קיין ארץ ישראל. א. ער האָט געזעהן אַז לבן איז נישט מיט איהם 'כתמול שלשום'. ב. דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו איהם און איהם געהייסן צוריקגיין קיין ארץ ישראל.

**פרעגן** די מפרשים (זעה 'אור החיים' הקדוש) פאַרוואָס דאַרף די תורה דערמאנען אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן אַז לבן'ס פנים האָט זיך געטוישט צום שלעכטן, דער עצם באַפעל פונעם אויבערשטען צוריקצוגיין קיין ארץ ישראל, איז געווען אַ גענוג שטאַרקע סיבה פאַר יעקב צו פאַרלאָזן לבן'ס הויז. אויב לבן וואָלט יאָ געווען פריינטליך צו איהם, וואָלט ער דען נישט געפאָלגט דעם אויבערשטען'ס באַפעל אַוועקצוגיין פון דאָרט און צוריקגיין קיין ארץ ישראל?

**ענטפערט** דער פיטסבורגער רבי, הרה"ק בעל 'אמונת אברהם' זצ"ל, ווייל ס'איז דאָך אַ גרויסער כלל אין לעבן, אַז ווילאַנג עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער האָט עפּעס אַ טירל זיך אַן עצה-צו געבן און אַן אויסוועג פאַר אַ ישועה דורך זיין השתדלות בדרך הטבע, אָדער ער פאַרלאָזט זיך אויף אַנדערע מענטשן אַז זיי וועלן איהם העלפן, איז זיין ישועה ווייט, אָבער ווען ער געפינט זיך אין אַ גרויסע צרה ח"ו און ער זעהט אַז מיט'ן דרך הטבע האָט ער נישט קיין שום אויסוועג אַרויסצוקריכן דערפון, און נאָר דער אויבערשטער ברוך הוא קען איהם העלפן, טוט דער אויבערשטער איהם טאַקע אַרויסנעמען פון זיין קלעם און ער העלפט איהם מיט א גאַנצע ישועה[ז].

**זאָגט** דער 'אמונת אברהם', אין דער היינטיגער פרשה (און אַזוי אויך אין סוף פון די פריערדיגע סדרה, פ' תולדות),

- לא נביא אנכי, ולא בן נביא אנכי... אָבער דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה, 'וידור יעקב נדר **לאמור**, אם יהיה אלוקים עמדי'. דאָס וואָרט 'לאמור' קומט אונז לערנען, אַז יעקב האָט געמאַכט אַ נדר, צו זאָגן ביי יעדע זאַך, '**אם ירצה השם**', און וויבאַלד דו האָסט נישט געזאָגט, איך וועל זיין אין זאַבלטוב, **אם ירצה השם**, שבת פרשת וישלח, האָב איך פאַרשטאַנען אַז פון הימל וועט מען דיר אונטעררוקן פאַרשידענע אָפּהאַלטונגען און שטערונגען אויפ'ן וועג, און דו וועסט נישט קענען זיין אין זאַבלטוב שבת פרשת וישלח.

**ז.** דער מדרש דערציילט ביים אָנהייב פון דער היינטיגער סדרה (ב"ר פס"ח, ב) אַז ווען יעקב אבינו ע"ה איז געגאַנגען קיין חרן אויפ'ן באַפעל פון זיין טאַטע יצחק צו זוכן אַ זיווג, איז געקומען אליפז, דער זון פון עשו הרשע, און ער האָט צוגענומען אַלעס וואָס יעקב האָט געהאַט, און ער איז געבליבן ממש 'בעירום ובחוסר כל'. האָט יעקב געזאָגט דעם פסוק, 'שיר למעלות אשא עיני אל ההרים (ההורים), מאין יבוא עזרי'. יעקב האָט געזאָגט, ווען אליעזר איז געגאַנגען ברענגען רבקה אמינו ע"ה, שטייט ביי איהם 'ויקח העבד עשרה גמלים' וגו', און איך האָב נישט קיין האַלדז באַנד און נישט קיין נאָז באַנד (צו געבן פאַר מיין כלה). דערנאָך האָט ער זיך אָבער געשטאַרקט און געזאָגט, וואָס?! איך וועל פאַרלירן מיין בטחון אין מיין באַשעפער? חס ושלום, איך פאַרליר נישט מיין האָפענונג אינעם באַשעפער. 'עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ'.

זאָגן די ספרים, אַז יעקב אבינו ע"ה האָט זיך געשטאַרקט מיט זיין בטחון, ווייל אדרבה, **טאַקע דערפאַר** ווייל ער פאַרמאָגט נישט קיין צירונג, און ער ווייסט גאַנץ גוט אַז לויט'ן דרך הטבע, קען ער נישט ברענגען אַ 'נדן', און ער האָט נישט קיין שום וועג פון השתדלות חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי, און ער מוז זיך דעריבער פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, אויב אַזוי, איז **דייקא יעצט וועט קומען זיין הילף פון הימל:** 'עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ'. און דאָס גופא איז מרומז אין לשון פון פסוק, 'מאין יבוא עזרי'. דאָס מיינט, ווען דער מענטש קומט צו די אנערקענונג אַז ער אַליין איז אין אַ בחינה פון **'אין'** - ער אַליין האָט נישט קיין שום אויסוועג... **'יבוא עזרי'** - פון דאָרט וועט קומען זיין הילף...

ווערט דערציילט אַז עשו האָט פיינט באַקומען יעקב אבינו ע"ה צוליב די ברכות וואָס ער האָט פון איהם צוגענומען, און דערפאַר איז יעקב געגאַנגען קיין חרן צו לבן. דאָס הייסט, ער האָט געקלערט אַז ער קען אפשר טרעפן אַ 'מקום מקלט' אין הויז פון זיין פעטער אַז ער וועט איהם היטן פון עשו'ס רשעות'דיגע פלענער, אָבער ווען יעקב האָט געזעהן אַז לבן טוט זיך אָפּפרעמדן פון איהם, און ער איז מער נישט פריינטליך צו איהם אַזוי ווי פריער, האָט ער שוין געוואוסט אַז ער האָט נישט ווי זיך צו היטן, ווייל אויך לבן האָט איהם שוין פיינט באַקומען, און נאָר דער אויבערשטער קען איהם העלפן פון אַלע זיינע פיינט, האָט ער זוכה געווען אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַלד אַנטפּלעקן צו איהם און איהם באַפעלן זיך צוריקצוקערן צו זיין לאַנד, און ער האָט איהם פאַרזיכערט אַז ער וועט איהם שיצן און אָפּהיטן, ווי דער פסוק זאָגט 'ואהיה עמך' [אַוודאי האָבן מיר נישט די מינדעסטע השגה אין די גרויסקייט פון יעקב אבינו ע"ה, דער 'בחיר שבאבות', אָבער פונדעסטוועגן, קען מען פון דעם לערנען אַ וועג אין אונזער אייגענעם לעבן, ווי אַזוי מ'דאַרף זיך פירן].

לויט דעם איז פאַרענטפערט, ווייל באמת איז יעקב טאַקע אַנטלאָפן פון לבן'ען נאָר דערפאַר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער איהם באַפוילן, נאָר דער פסוק האָט מקדים געווען צו זאָגן אַז ער האָט געזעהן ווי לבן קוקט אויף איהם מיט אַ שלעכטע אויג, כדי אונז צו לערנען אַז דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט זיך יעצט באַוויזן צו איהם, און איהם געהייסן אַוועקפאָרן פון חרן קיין ארץ ישראל.

אַזוי שרייבט דער 'כלי יקר', אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כח יד) 'והיה זרעך כעפר הארץ ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה', חז"ל זאָגן (זעה מדרש תהלים מ"ד) אַז אידישע קינדער ווערן געהאָלפן נאָר דעמאָלט ווען זיי זענען בתכלית השפלות[ח], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מד, כו) 'כי שחה לעפר

---

דער רמ"ע מפאנו, און אַזוי אויך דער של"ה הקדוש, שרייבן, אַז **עס איז אַ 'סגולה בדוקה' צו טרעפן לייכט אַ זיווג, צו זאָגן איידער מ'טרעט אויס פון תפילת שמונה עשרה, דעם קאַפּיטל 'שיר למעלות אשא עיני אל ההרים'**. דער 'מגלה עמוקות' (אין דער היינטיגער פרשה) שרייבט, אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט דעם דאָזיגן קאַפּיטל נאָך דעם ווי ער האָט געדאַווענט תפילת 'שמונה עשרה' פון מעריב וואָס ער האָט דעמאָלס מתקן געווען (ווי דערציילט אָנהייב היינטיגע פרשה, אַז ער איז אָנגעקומען צום מקום המקדש און דאָרט האָט ער מתקן געווען תפילת מעריב).

קען מען זאָגן, אַז די סגולה פון דעם קאַפּיטל איז, לויט ווי מיר האָבן געזאָגט אַז ווען דער מענטש אנערקענט אַז מיט זיינע אייגענע כוחות איז ער 'הילפסלאָז', ער וועט זיך נישט קענען אַליין אַרויסזעהן פון זיין 'פּלאָנטער', און נאָר דער אויבערשטער קען איהם העלפן - 'עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ' - דאַן איז זיין ישועה נאָנט. און צוליב דעם זעהען מיר אויך, אַז דער קאַפּיטל איז מסוגל **נישט נאָר צו טרעפן אַ זיווג, נאָר אויך פאַר אַנדערע ישועות** צו וועלכע דער מענטש קוקט אַרויס.

**ח.** מיר האָבן געהערט פון אַ יונגערמאַן ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ 'וואָרט', און דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

אַ געוויסע משפחה אין אַ שטעטל אין ניו יאָרק, וועלכע האָבן געליטן פון פאַרשידענע פּראָבלעמען ל"ע, האָבן געהאַט אַ וואוילן בחור, וואָס האָט זיך געפּלאָגט מיט שידוכים. איינמאָל האָט מען אָנגעטראָגן פאַר דעם בחור אַ שידוך פון דער שטאָט מאָנטרעאָל, און די עלטערן, צוזאַמען מיט'ן בחור, זענען אַראָפּגעפאָרן קיין מאָנטרעאָל מיט אַ דרייווער פון וויליאַמסבורג. נאָכ'ן זיך באַגעגענען, האָט די משפחה פון מאָנטרעאָל געזאָגט אַז דער שידוך איז נישט צוגעפּאַסט פאַר זיי. פאַרשטייט זיך, אַז די עלטערן פון דעם בחור זענען געווען צובראָכן. דאָ האָט מען שוין קוים געטראָפן אַ שידוך, און מ'איז אַראָפּגעפאָרן אַזאַ ווייטן וועג ביז מאָנטרעאָל, און ס'איז גאָרנישט געוואָרן פון דעם שידוך...

דער בחור, וועלכער איז געווען שטאַרק אויסגעאַרבעט אין אמונה, האָט אָבער געזאָגט צו זיינע עלטערן: "אויב דער באַשעפער האָט אַזוי געוואָלט, איז דאָס פאַר מיר די גרעסטע טובה! ס'איז בעסער ווי זיך אָפּצופּלאָגן אַכציג יאָר ח"ו מיט אַ שידוך וואָס איז נישט פּאַסיג פאַר מיר! איי, פאַרוואָס האָבן מיר געדאַרפט פאָרן אַזוי ווייט, איז דאָס אויך לטובה!". (במאמר המוסגר: דער באָבוב'ער רב, כ"ק אדמו"ר מהר"ש זצ"ל, פלעגט זאָגן, אַז אויב אַ שידוך וואָס מ'רעדט, ווערט נישט אויסגעפירט, דאַרף מען ערשט מאַכן אַ "לחיים"!).

נפשנו' וגו', און באַלד דערנאָך זאָגט דער פסוק, 'קומה עזרתה לנו'ט.

**דער** טעם דערפון איז, ווייל אַזוי לאַנג ווי זיי זענען נישט בתכלית השפלות, פאַרלאָזן זיי זיך נישט אינגאַנצן אויפ'ן אויבערשטען, און זיי טראַכטן פאַרשידענע תחבולות זיך אַן עצה צו געבן אויף אַן אַנדערן אופן, מיט מענטשליכע תחבולות, טוט דער אויבערשטער דערווייטערן פון זיי די ישועה. אָבער ווען זיי זעהען אַז זייער השתדלות וועט זיי גאַרנישט העלפן, הייבן זיי אויף זייערע אויגן צום באַשעפער און רופן צו איהם אין זייער ענגשאַפט', און דאַן קומט די ישועה אויף אַ

---

אַלזאָ, דער 'דרייווער' וואָס האָט זיי געפירט קיין מאָנטרעאַל און צוריק, וועלכער האָט געהערט אויפ'ן וועג דעם שמועס צווישן דעם בחור און זיינע עלטערן, איז זייער שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דער שטאַרקער אמונה און בטחון פון דעם בחור, און ער האָט אונטערגעשיקט אַ שדכן צו אָנטראָגן פאַר זיין טאָכטער דעם בחור, און דער שידוך איז געוואָרן. האָבן אַלע געזעהן, אַז די גאַנצע נסיעה איז טאַקע יאָ געווען לטובה, ווייל דער דרייווער האָט צוגעזעהן די גאַנצע סצענע פון די עלטערן און דעם בחור, און ער האָט באַשלאָסן צו נעמען דעם אויסגעאַרבעטן איידעלן בחור אַלס אַן איידים...

**ט.** אַמאָל איז אַ פשוט'ער איד געווען אין זידיטשויב ביי הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע, בעל 'עטרת צבי', און דער רבי האָט איהם אָפּגעגעבן גרויס כבוד. די תלמידים פונעם רבין האָבן זיך זייער שטאַרק געוואונדערט דערויף, פאַרוואָס דער רבי איז איהם אַזוי מכבד. שפּעטער האָט דער 'עטרת צבי' זיי געזאָגט:

- אַמאָל ווען כ'בין געווען אונטערוועגנס, בין איך איינגעשטאַנען אַ לענגערע צייט ביי דעם איד. דאָרט האָט מען מיר געגעבן קוים אַ שטיקל ברויט צו עסן און וואַסער צו טרינקען, און כ'האָב געדאַרפט נעכטיגן ביי איהם אין שטאַל, צוזאַמען מיט די בהמות... זאָלט איר אָבער וויסן, אַז יענער שוואַכער מצב אין גשמיות, האָט מיך אויפגעהויבן אין רוחניות צו גאָר הויכע מדריגות, און ממילא, בין איך שולדיג פאַר דעם איד אַ 'הכרת הטוב' פאַר דעם וואָס ער האָט מיך אויפגעהויבן צו אַזעלכע הויכע מדריגות...

ביי יענע געלעגנהייט, האָט דער 'עטרת צבי' געזאָגט מיט דעם אַ כוונה אין דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לא, א) 'ומאשר לאבינו עשה את כל הכבוד הזה'. צו דעם גאַנצן כבוד - דאָס הייסט, די הויכע מדריגות צו וועלכע יעקב אבינו ע"ה האָט זוכה געווען - איז ער צוגעקומען, '**מאשר לאבינו**', פון די רדיפות וואָס לבן ('אבינו') האָט איהם גע'רודפ'ט, ווי מיר ווייסן אַז לבן האָט איהם אויסגענאַרט, ווייל **די שטערונגען און שפלות וואָס אַ מענטש ליידט, זענען די בעסטע הכנה צו זיין גרויסקייט.**

**י.** דער עיקר איז, צו 'האַלטן קאָפּ' אין יעדן מצב, און נישט פאַרלירן ח"ו דעם ישוב הדעת, אויך אין די שווערסטע מצבים וואָס קענען אונטערקומען ח"ו.

דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זצ"ל, האָט אַמאָל דערציילט פאַר'ן באַיאַנער רבי'ן, הרה"ק רבי מרדכי שלמה זצ"ל, אַז אין דער צייט פון דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה, ווען ער איז אַנטלאָפן פון איין פלאַץ צום אַנדערן, האָט ער אַמאָל געהייסן אָפּשטעלן די קאַר וואָס האָט איהם געפירט, און ער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קאַר אויף אַ קורצע צייט. דער בעלזער רב האָט ווייטער געזאָגט:

- בשעת מעשה האָב איך פאַר קיינעם נישט געזאָגט דעם טעם פאַרוואָס איך בין אַרויסגעגאַנגען, אָבער פאַר אייך וועל איך יאָ זאָגן דעם טעם פאַרוואָס איך האָב עס געטוהן. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פונעם אויטאָ, האָב איך געטראַכט ביי זיך, '**וואָס וויל דער יצר הרע יעצט פון מיר? ער וויל אַוועקנעמען ביי מיר חלילה דעם ישוב הדעת.** איך וועל זיך אָבער נישט לאָזן פון איהם, ער זאָל ביי מיר אַוועקנעמען דעם ישוב הדעת. איך האָב זיך מתבונן געווען אויף אַ מינוט, אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, און אַזוי בין איך צוריק אַריין אין אויטאָ און ווייטער געפאָרן.

אַוודאי האָבן מיר נישט קיין השגות אינעם הייליגן בעלזער רב זי"ע, אָבער פאַר אונז איז דאָס אויך אַ לימוד, אַז פונקט ווי דער בעלזער רב האָט דעמאָלס געדינט דעם באַשעפער אויף זיין אופן, דאַרפן מיר זיך שטענדיג מתבונן זיין און גוט אַריינעמען אין די מחשבה, אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט הרה"ג ר' מענדל זאַקס ז"ל, אַן איידים פונעם "חפץ חיים" זצ"ל, פון וואָס ער איז אַממערסטן נתפעל געוואָרן ביי זיין גרויסן שווער. האָט ער געענטפערט:

גאַר עקסטרעמען וועג, 'מן הקצה אל הקצה', ווען דער אויבערשטער טוט זיי אויפהייבן פון זייער שפלות צום העכסטן שטאַפּל.

לויט דעם טייטשט דער 'כלי יקר' דעם פסוק, אַז ווען עס וועט זיין אַ בחינה פון 'והיה זרעך בעפר הארץ' - זיי וועלן שטיין אויף אַ נידעריגן שטאַפּל, וועט דער אויבערשטער מקיים זיין 'ופרצת', ער וועט זיי אויפהייבן ביז די העכסטע מעלות און מדריגות, ווייל זיי וועלן זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, מיט די אנערקענונג אַז נאָר דער אויבערשטער איז דער וואָס קען זיי העלפן[יא].

---

- וואָס מיין שווער איז אַלץ דורכגעגאַנגען, ווייסט איר דאָך נישט, אָבער **ער איז אייביג געווען רוהיג, און צוגעגאַנגען צו יעדע זאַך מיט ישוב הדעת.**

מ'דערציילט, אַז דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט זיך אַמאָל 'געשפילט' מיט זיין אייניקל, אַ קליין יונגל, און ער האָט איהם געפרעגט: 'וואו איז זיידי?' האָט דאָס קינד געוויזן אויף די באָרד פונעם זיידן, דעם בעל התניא. האָט דער בעל התניא איהם געזאָגט: 'עה, דאָס איז נאָר די באָרד פון זיידי... אָבער וואו איז זיידי אַליין?' האָט דאָס קינד געוויזן אויפ'ן קאָפּ פונעם בעל התניא. זאָגט איהם דער זיידע: 'עה, דאָס איז דאָך נאָר דער קאָפּ פון זיידי...' האָט דאָס קינד געוויזן אויף די הענט פון דעם בעל התניא, און אַזוי ווייטער, אָבער אויף אַלעם האָט דער בעל התניא איהם געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר אַ טייל פון זיידי'ס גוף...

האָט דאָס קינד זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, שרייענדיג נאָך הילף: 'זיידי... זיידי'... האָט דער בעל התניא איהם געזאָגט:

- אָט דאָ איז זיידי...

פון די 'מעשה' לערנען מיר אַ טיפן לימוד, אַז **דער אויבערשטער, דער 'זקן מלא רחמים', געפינט זיך נעבן דעם מענטש ווען ער פאַלט. דעמאָלס דערנענטערט ער זיך צו איהם.**

**יא.** עס שטייט אין מדרש תנחומא (פ' ויצא, ג) רבי ברכיה האָט געזאָגט, אויף אַלעם וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געבעטן פון דעם אויבערשטען, האָט ער איהם געענטפערט. יעקב האָט געזאָגט **'אם יהיה אלוקים עמדי'**, האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט, **'והנה אנכי עמך'**. ער האָט געבעטן **'ושמרני'** - דו זאָלסטו מיך היטן, האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט, **'ושמרתיך בכל אשר תלך'** - איך וועל דיך היטן וואו דו וועסט גיין. **'ושבתי בשלום'**, האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט **'והשיבותך'** - איך וועל דיך צוריקברענגען קיין ארץ ישראל. אָבער ווען יעקב האָט געבעטן **'ונתן לי לחם לאכול'** - ער האָט געבעטן פרנסה - האָט דער אויבערשטער איהם נישט געענטפערט אויף זיין בקשה, ווייל דער אויבערשטער האָט געזאָגט, אויב איך וועל איך איהם פאַרזיכערן מיט פרנסה, וואָס נאָך וועט ער בעטן פון מיר? דעריבער האָט ער איהם נישט געענטפערט.

פון דעם קענען מיר לערנען, אַז **מ'טאָר נישט זאָרגן וועגן פרנסה** וכדומה, ווייל דער אויבערשטער וויל משפיע זיין אויף אונז אַלע גוטע השפעות. מיר דאַרפן נאָר אויפהייבן אונזערע אויגן צו איהם. נאָר צוליב דעם פירט ער אַמאָל דערצו אַז עס זאָל עפּעס 'פעלן' ח"ו, כדי מ'זאָל דערנאָך מתפלל זיין צו איהם מיט'ן גאַנצן האַרץ, און ווען מ'אנערקענט דאָס און מ'איז מתפלל צום אויבערשטען, ערפילט ער אַלע באַדערפענישן, און איז משפיע אַלע סאָרטן ישועות און גוטע השפעות.

כ"ק הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א דערציילט אַ מעשה וועגן צוויי שכנים אין ירושלים, וואָס ביידע זענען געזעסן על התורה ועל העבודה. זייערע טירן זענען געווען איינע אַנטקעגן די אַנדערע, אָבער איינער פון זיי איז געווען אַן עני ואביון, וואָס פון זיין טיר האָט שוין 'אַרויסגעשריגן' דאָס אָרימקייט און דלות, און דער צווייטער איז טאַקע נישט געווען רייך, אָבער די ווענט פון זיין הויז האָבן עדות געזאָגט אַז ברוך השם, עס פעלט דאָרט גאָרנישט אין שטוב. מ'האָט אַפילו געזעהן פון צייט צו צייט דעם פּאָסט-טרעגער אָנקומען אַהין מיט אַ קאָנווערט ('ענוועלאָפּ') פול מיט דאָלאַרן... האָט מען פאַרשטאַנען, אַז די שפע אין הויז קומט מסתמא פון עמיצן וואָס שיקט כסדר אַריין געלט פאַר די משפחה.

דער אָרימער שכן איז געווען זייער נייגעריג צו דערגיין ווער איז דאָס וואָס שיקט כסדר אַזעלכע 'גראָבע' קאָנווערטן צו זיין שכן, און ער האָט דעריבער איינמאָל אויסגעוואַרט דעם פּאָסט-טרעגער, און פּרובירט דערגיין

ווער ס'איז דער מענטש וואָס שיקט די קאַנווערטן מיט געלט, און ער איז געוואָרן אויפגעציטערט ביים זעהן, אַז דער וואָס שיקט דאָס געלט פאַר זיין שכן איז גאָר זיינע אַ יוגנט-פריינט, מיט וועמען ער האָט געלערנט בחברותא אַסאַך יאָרן צוריק אין ישיבה. דאָס האָט ער שוין נישט געקענט אויסהאַלטן, היתכן, דער חבר טראַכט אינגאַנצן נישט פון איהם, צו שיקן איהם כאָטש אַביסל געלט, און ער שיקט געלט נאָר פאַר זיין שכן.

יענע נאַכט, האָט ער נישט פאַרמאַכט קיין אויג פון נערוועזיטעט, און יענעם פאַרטאָגס, האָט ער געשריבן אַ בריוו צו זיין אַלטן ידיד, וואו ער שרייבט איהם: איך געדענק נאָך גוט די אַמאָליגע יאָרן ווען מיר זענען געווען אַזעלכע נאָנטע ידידים, אָבער איך קען זיך פשוט נישט איינהאַלטן, און איך מוז דיך פרעגן, ווי אַזוי האָסטו אינגאַנצן פאַרגעסן פון מיר, און דו שיקסט געלט נאָר פאַר מיין שכן... איך האָב פּרובירט דיך דן צו זיין לכף זכות, אָבער עס גייט מיר נישט...

עטליכע טעג שפּעטער, איז אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַן ענטפער פון בלויז פינף ווערטער: **'ידידי היקר, מעולם לא ביקשת'**... מיין טייערער פריינט, דו האָסט קיינמאָל נישט געבעטן... דאָס הייסט, איך האָב דען רוח הקודש צו וויסן אַז דו ביזט אַ נצרך, און דו דאַרפסט האָבן געלט? **בעט אויך, וועסטו אויך באַקומען**... ער האָט געמיינט צו זאָגן, דו זעהסט דאָך אַז איך האָב, ברוך השם, אַסאַך געלט, און אויך אַ האַרץ צו טיילן. דער וואָס בעט פון מיר - באַקומט...

דער לימוד פון די מעשה איז, דער אויבערשטער זאָגט אונז, איך וויל משפּיע זיין אויף אייך אַסאַך שפע. איר דאַרפט נאָר בעטן, און איר וועט באַלט באַקומען. כאָטש דער באַשעפער ווייסט אַלעס, ער ווייסט פּונקטליך וויפיל יעדער מענטש דאַרף האָבן, אַנדערש ווי יענער עושר וועלכער האָט באמת נישט געוואוסט אַז זיין ידיד איז ליידער אַ 'נצרך', אָבער דער אויבערשטער האָט אַוועקגעשטעלט דעם סדר העולם אויף אַן אופן אַז מ'דאַרף בעטן פון איהם. **דער וואָס בעט דעם אויבערשטען - באַקומט**...

עס ווערט געברענגט אַ מורא'דיגע מעשה (אין דעם וואונדערליכן גליון 'מתוקים מדבש'), ווי פאָלגענד: אין די צייטן פון דעם גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל, גאב"ד ירושלים, איז געווען אַ משפּחה אין ירושלים וואָס האָבן ליידער פאַרלוירן טייל פון זיי זייערע קינדער אַ קורצע צייט נאָכ'ן געבורט. די טעכטער האָבן געלעבט, אָבער נישט די זין. זענען די עלטערן געקומען צו רבי יוסף חיים, וועלכער האָט זיי געזאָגט, אַז ווי עס ווייזט אויס, הערשט איבער זיי אַן 'עין הרע', און ממילא, זאָלן זיי נעמען אויף זיך פון היינט און ווייטער, נישט אָנצוטוהן די קינדער נייע קליידער, נאָר צו 'ירש'ענען' קליידער פון געשוויסטער אָדער פון שכנים, אויסער אויב דאָס קינד אַליין וועט בעטן אַ נייע קלייד, זאָל מען איהם נאָכגעבן און קויפן.

אַלזאָ, ס'איז געבוירן געוואָרן אַ יונגעלע אין אַ מזל'דיגע שעה, און מ'האָט איהם טאַקע אָנגעטוהן נאָר געבאָרגטע קליידער. אפילו צום ברית האָט מען איהם אָנגעטוהן בגדים וואָס מ'האָט געבאָרגט ביי שכנים. ווען דאָס יונגל איז געוואָרן דריי יאָר אַלט און מ'האָט איהם געדאַרפט מאַכן אַ 'חאַלאַקע', האָבן די עלטערן געקויפט אַ נייעם בגד, טראַכטנדיג, אויב ער וועט בעטן אַ נייעם בגד אַזוי ווי אַלע קינדער, וועלן זיי איהם עס אָנטוהן, אָבער ער האָט נישט געבעטן, און ער האָט טאַקע נישט באַקומען. ביי די בר מצוה, האָבן די עלטערן גאָרנישט געקויפט פאַר איהם קיין נייע בגדים, און ער האָט נישט געבעטן, ווייל זעהענדיג אַז זיינע עלטערן טראַכטן בכלל נישט פון קויפן פאַר איהם אַ נייעם בגד לכבוד זיין בר מצוה, האָט ער געטראַכט ביי זיך, מעגליך אַז זיי האָבן נישט קיין געלט צו קויפן פאַר איהם אַ רעקל אָדער אַ בעקישע, האָט ער געשוויגן, און נישט געבעטן. דאָס זעלבע איז געווען ווען ער איז בשעה טובה ומוצלחת געוואָרן אַ חתן, האָט מען איהם גאָרנישט געקויפט ווייל ער האָט נישט געבעטן, און ער - פון זיין זייט - האָט נישט געבעטן, ווייל ער האָט געמיינט אַז זיינע עלטערן קענען זיך נישט ערלויבן איהם אָנצוקליידן מיט נייע בגדים לכבוד דעם תנאים.

ווען דער חתן האָט אָבער געזעהן אַז אויך צו דער חתונה גרייט מען זיך נישט צו קויפן פאַר איהם בגדים, האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן וואונדערן אויף דעם מאָדנעם 'מנהג' פון זיינע עלטערן, ווייל עס האָט נישט אויסגעזעהן אין זיינע אויגן אַז זיי לעבן טאַקע אין אַזאַ שרעקליכער דחקות אַז זיי קענען זיך נישט ערלויבן איהם אָנצוקליידן צו די חתונה לפי כבודו, האָט ער - נאָכ'ן זיך וואַקלען, צי ער זאָל יאָ אָדער נישט פרעגן - געבעטן זיין מאַמע, קויפט מיר כאָטש איין ניי העמד לכבוד די חתונה... האָט זיין מאַמע אויסגעבראַכן אין א געוויין און געעפענט איינעם פון די לעדלעך אין הויז, און איהם געוויזן ווי עס ליגט דאָרט אַסאַך געלט, און דאַן האָט זי איהם געזאָגט:

- קוק נאָר, זינט מיר האָבן דיר געמאַכט אַ 'חאַלאַקע', ליגט דאָ אַוועקגעלייגט געלט צו קויפן פאַר דיר נייע בגדים. **אויב דו וואָלסט נאָר געעפענט דאָס מויל צו בעטן, וואָלט מען דיר באַלד געקויפט...**

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער רמב"ן ז"ל אין דער היינטיגער פרשה (ל, א) אַז ווען די צדיקת רחל האָט געזעהן אַז זי קען זיך מער נישט פאַרלאָזן אויף די תפילה פון יעקב אבינו ע"ה, האָט זי אַליין מתפלל געווען צום באַשעפער געהאָלפן צו ווערן מיט אַ קינד, און אויף דעם זאָגט דער פסוק (דאָרט, פסוק כב) 'וישמע אליה אלוקים'.

**זעהט** מען פון די ווערטער פונעם רמב"ן ז"ל, אַז פריער האָט רחל זיך פאַרזיכערט אַז יעקב וועט מתפלל זיין פאַר איר און אויס'פועל'ן איר ישועה, אָבער נאָך דעם ווי יעקב האָט איר געזאָגט 'התחת אלקים אנכי', האָט זי פאַרשטאַנען אַז זי מוז זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען אַליין, און דאַן האָט זי מתפלל געווען מיט די הכרה אַז קיין אַנדערן וועג פאַר אַ ישועה האָט זי נישט - 'מבלעדי עוזך ועזרתך אין עזרה וישועה'[יב]. דער אויבערשטער האָט טאַקע געהערט איר תפילה, און זי איז געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער[יג].

---

## מן הבאר

ווערט געברענגט אין ספר 'הליכות שלמה' (פ"ט, הערה 16), אַז דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל האָט געזאָגט, אַז **די צייט וואָס איז אַממערסטן מסוגל צו בעטן בקשות ביי דעם אויבערשטען, איז ווען מ'זאָגט תחנון, נאָך 'שומר ישראל', איידער מ'זאָגט 'מתרצה בחרחמים'**. מ'זאָל עס אָבער טוהן אויף אַן אופן אַז מענטשן זאָלן עס נישט באַמערקן. (דאַכט זיך אַז ער האָט געזאָגט אַז ער האָט געזעהן אַזוי געשריבן אין ספר 'נוהג כצאן יוסף', אָבער מ'האָט עס דאָרט נישט געטראָפן.)

און רבי שלמה זלמן האָט צוגעגעבן, אַז דאָרט שטייט אַז די מעלה פון בעטן דעמאָלס, איז אַפילו גרעסער פון די בקשות וואָס מ'בעט אינמיטן די שמונה עשרה. דאָס איז אָבער אַ גרויסער חידוש.

רבי שלמה זלמן פירט אויס: פונדעסטוועגן, איז דער עיקר צו וויסן אַז **ווען אימער מ'דאַווענט צום באַשעפער, הערט ער אַלעמענס תפילות.** יעדע שעה פון טאָג קען מען זאָגן אַ קאַפיטל תהלים, אָדער אַפילו מיט'ן נוסח פון תפילה, יהי רצון וכו', און דערמאַנען דעם שם שמים. דעמאָלס קען מען בעטן אַלע סאָרטן בקשות, עכ"ל.

דער 'חזון איש' זצ"ל שרייבט (קובץ אגרות, ח"ג, כג) אַז **יעדע מענטש מעג מאַכן אַן אייגענעם נוסח פון אַ קורצע תפילה פאַר זיינע באַדערפענישן, און אַפילו דערמאַנען אַ נאָמען, און אין יעדע שעה פון טאָג.** מ'דאַרף עס נישט דווקא אָנשליסן אין די תפילת שמונה עשרה, און מ'הייבט אָן 'יהי רצון מלפניך' וכו'.

---

**יב.** חז"ל דערציילן (נדרים נ.) אַז ווען דער הייליגער תנא רבי עקיבא איז אַהיימגעקומען דאָס ערשטע מאָל מיט 12 טויזנט תלמידים, און ער האָט געהערט פון אונטער'ן טיר ווי זיין בני בית זאָגט, 'אויב ער וואָלט מיך געפאָלגט, וואָלט ער דאָרטן געבליבן נאָך 12 יאָר', האָט רבי עקיבא זיך אויסגעדרייט און איז צוריקגעגאַנגען לערנען אין ישיבה, און צוועלף יאָר שפעטער, איז ער צוריקגעקומען מיט נאָך 12 טויזנט תלמידים - אין סך הכל, 24 טויזנט תלמידים.

דאַרף מען פאַרשטיין, אויב ער איז שוין געשטאַנען אונטער'ן טיר אַריינצוקומען אין הויז, פאַרוואָס איז ער צוריקגעגאַנגען גלייך, און איז אַפילו נישט אַריינגעגאַנגען אין הויז כאָטש אויף אַ סעקונדע, באַגריסן זיין פרוי כאָטש מיט אַ 'שלום עליכם'...

איז דער תירוץ, אַז רבי עקיבא האָט געוואוסט אַז זי שטייט און גיסט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער פאַרגיסנדיג דערביי הייסע טרערן, אַז דער באַשעפער זאָל זיך דערבאַרימען אויף איר מאַן וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזט דאָס הויז אַלס אַ פולשטענדיגער 'עם הארץ', אַז ער זאָל צוריקקומען אַהיים אַלס אַ גדול בתורה, און רבי עקיבא האָט געוואוסט, אַז אויב זי וועט איהם זעהן מיט 12 טויזנט תלמידים, וועט זי זיך באַרואיגן און אירע תפילות וועלן שוין נישט זיין אַזוי פון טיפן האַרצן, וויל וואָס פעלט דען פאַר אַ 'ראש ישיבה' מיט 12 טויזנט תלמידים... דעריבער האָט רבי עקיבא זיך באַלד צוריקגעדרייט און צוריקגעפאָרן אין ישיבה, **כדי זי זאָל ווייטער מתפלל זיין מיט'ן גאַנצן האַרץ**, און זי האָט טאַקע גע'פועל'ט אַז ער האָט צובאַקומען נאָך 12 טויזנט תלמידים.

**יג.** אַ איד האָט זיך אַמאָל מזכיר געווען ביים הייליגן קאָזשניצער מגיד זי"ע מיט אַ קוויטל און אַ פדיון, אַז גנבים האָבן זיך איינגעבראָכן ביי איהם אין הויז און איהם באַ'גנב'עט אַ גרויסן סכום געלט. האָט דער קאָזשניצער מגיד איהם געזאָגט:

**וזה שער השמים - יראת שמים איז די שליסל צו סייעתא דשמיא אין אלע ענינים**

**'וייקץ** יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי, ויירא ויאמר מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלוקים וזה שער השמים' (כח, טז-יז). זאגט רש"י, 'שאם ידעתי לא ישנתי במקום קדוש כזה' - אויב איך וואלט געוואוסט אז דאס איז א הייליג ארט, וואלט איך נישט געשלאפן דא.

**זאגט** דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, אז די כוונה איז, אויב איך וואלט געוואוסט אז איך געפין זיך דא אויף דעם ארט וואו ס'איז דער 'בית אלוקים', וואלט איך נישט געשלאפן דא, צוליב 'מורא מקדש', ווי די גמרא זאגט (יבמות ו:) 'לא מהמקדש אתה מתיירא, אלא ממי שציווה על המקדש'. נישט פון דעם בית המקדש האסטו מורא, נאר פון דעם באשעפער וואס ער האט באפוילן אויף די הייליגקייט פון מקום המקדש'.

**און** דאס האט יעקב אבינו געזאגט: אפילו אויב איך וואלט געוואוסט אז אין מיין שלאף וועט מען מיר אנטפלעקן פון הימל מורא'דיגע גילויים (אזוי ווי ס'האט טאקע פאסירט) וואלט איך אויך נישט געשלאפן, ווייל ס'איז נישט בדאי פאר'ן מענטש אלע גרויסע 'גילויים', אויב צוליב זיי וועט ער דארפן מקיל זיין אין א געוויסע גרויסע זאך אדער אפילו אין א 'קליינגקייט' פון יראת שמים.

**ענליכע** ווערטער זאגט דער 'בית אהרן' (ע' קלו:) אויפ'ן פסוק (ישעיה לג ו) 'יראת ה' היא אוצרו', אז דער מענטש דארף זוכן נאר יראת שמים אליין, ווייל נאר דאס ווענדעט זיך אינעם מענטש, און דורך דעם איז ער זוכה אז דער אויבערשטער זאל פאר איהם עפענען די טויערן פון זיינע אוצרות[ד].

**אויפ'ן** פסוק 'מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלוקים', זאגט דער 'שפת אמת' (ויצא תרל"ד, ד"ה 'וייקץ') אז אויך דער בית המקדש ('בית אלוקים') האט נישט קיין קיום צו קענען זיך האלטן, נאר דורך יראת

---

- וואס ווילסטו פון מיר? איך האב עדים אז דעמאלס ווען ס'איז פארגעקומען די גניבה ביי דיר אין הויז בין איך געווען דא ביי זיך אינדערהיים, און איך האב נישט גע'גנב'עט דאס געלט...

דער איד האט אבער ווייטער שטארק געבעטן ביים מגיד (צולייגנדיג דערביי געלט צום 'פדיון') אז ער זאל איהם אנווינטשן אז מ'וועט כאפן דעם גנב און צוריקבאקומען דאס געלט. האט דער קאזשניצער מגיד זי"ע איהם געזאגט, אז אויב ער וועט געבן א פדיון פון פופציג רענדלעך, וועט ער געהאלפן ווערן. ווען דער איד האט געהערט די ווערטער פונעם מגיד, האט ער זיך אנגערופן צו זיין בני בית:

- קום, לאמיר איבערלאזן דעם רבי'ן און גיין אליין שרייען צום באשעפער, ווייל ער וועט אונז העלפן אויך אן אזא גרויסן פדיון...

ווען דער קאזשניצער מגיד האט געהערט וואס דער איד האט געזאגט, האט ער זיך אנגערופן צו דעם איד:

- ר' איד, איר זענט שוין א געהאלפענער, און די גניבה וועט געפונען ווערן, ווייל איר זענט געקומען צו די אנערקענונג אז 'מבלעדיך אין לנו מלך גואל ומושיע'...

**יד.** אין דער תקופה ווען דער גרויסער בעל ההילולא, הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע, האט געוואוינט אין דער הייליגער שטאט צפת, איז ער קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען באגלייטן א נפטר למנוחת עולמים. איין מאל איז ער געגאנגען אויף דער לויה פון א איד וואס איז נפטר געווארן אין שטאט, באגלייטנדיג איהם ביז צום בית החיים.

די מקורבים האבן זיך געוואונדערט 'מה יום מיומיים', ווייל דער נפטר איז געווען באקאנט אלס א פשוט'ער מענטש. ווען מ'איז אנגעקומען צום בית החיים, און די מענטשן פון די 'חברה קדישא' האבן אריינגעפירט דעם נפטר צו מאכן די 'טהרה' אין דעם אריז"ל'ס מקוה - ווי ס'איז דעמאלס געווען איינגעפירט אין צפת - האבן זיי באמערקט אז זיינע פיס זענען שווארץ און אפגעברענט. ווען מ'האט געפרעגט די אלמנה אויב זי ווייסט פארוואס די פיס פון איר מאן דעם נפטר זענען פארברענט, האט זי געענטפערט, אז יונגערהייט איז איר מאן געווען א 'פעדלער', ארומפארנדיג איבער שטעט און לענדער. איינמאל האט א מיידל אין קענגליכן פאלאץ געוואלט חתונה האבן מיט איהם, און מ'האט איהם געצוואונגען צו קומען צו די חתונה... דער 'חתן' איז געזעסן אין זאל, און געזעהן ממש דעם גיהנום פאר די אויגן... ער האט זיך אבער נישט געקענט קיין עצה געבן, ווי אזוי זיך ארויסצודרייען פונעם קלעם. און אט זעהט ער אינמיטן זאל א פאס מיט קאכעדיגע קוילן, וואס מ'האט אוועקגעשטעלט דארטן צו הייצן דעם זאל. האט דער 'חתן' זיך אנגעגארטלט מיט מוט און קוראזש, און ער איז אריינגעשפרינגען אין דעם

שמים. לויט וויפיל יראת שמים אידן האָבן, האָט דער בית המקדש אַ קיום, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהילים יט, י) 'יראת ה' טהורה עומדת לעד' - די ריינע יראת שמים שטעלט אַוועק דעם מענטש אויף אייביג, און עס גיט אַ קיום פאַר יעדן דבר שבקדושה.

לדידן ייאמר, דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר פאַר דעם 'בית המקדש' אין ירושלים, נאָר יעדער מענטש, מיט זיין פּריוואַטן 'בית המקדש', און די אַנדערע מעלות פונעם מענטש, און אַלע זיינע קניינים אין תורה און עבודת השם, האָבן נישט קיין קיום נאָר דורך יראת שמים[טו].

---

ברענענדיג-הייסן פאַס. ווען די אָנוועזענדע גוים האָבן געזעהן וואָס ער האָט געטוהן, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דער 'חתן' איז אַ 'צעדרייטער', און זיי האָבן איהם פאַרטריבן פון דאָרט, און אַזוי איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון אַן עבירה. פון די דאָזיגע הייסע קוילן, זענען זיינע פיס געוואָרן שוואַרץ. האָט דער 'בת עין' געזאָגט:

- **איך האָב געזעהן פון פענצטער ווי אַן 'עמודא דנורא' - אַ פייער זויל - נעמט אַרום די מטה פון דעם נפטר,** און די גמרא זאָגט (כתובות יז.) אַז אַזאַ 'עמודא דנורא' גייט אַראָפּ פון הימל אויף דעם בעט פון אַ נפטר, נאָר ביי איינעם אָדער צוויי אין אַ דור. דאָס מיינט, אַז נישט יעדער איז ראוי איהם צו באַגלייטן. ווען איך האָב געזעהן דעם 'עמודא דנורא' אויף זיין בעט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער איז געווען אַ קדוש. צוליב דעם בין איך אַרויסגעגאַנגען איהם באַגלייטן ביז צום בית החיים.

פון די מעשה לערנען מיר, דער נפטר איז דאָך געווען אַ פשוט'ער איד ביז צו זיין פטירה, אָבער איין 'אַריינשפּרינגען' אין פייערדיגע קוילן כדי געראַטעוועט צו ווערן פון אַן עבירה, האָט איהם געברענגט צו אַ מדריגה צו וועלכע נאָר איינער אין אַ דור איז זוכה...

דער מעלבורנער רב, הגה"צ רבי אלימלך אשכנזי זצ"ל, האָט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געזעהן ווען דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האָט געזאָגט 'ברכות השחר' אין אַ וואָכן-טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען צו די ווערטער 'ואל תביאנו לא לידי חטא ולא לידי עבירה ועון', האָט ער זיך געבעטן ווי אַ קינד בעט זיך ביי זיין טאַטן מיט בכיות, מיט זיין געוואַלדיגע קדושה און יראת שמים.

## מן הבאר

דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (ב"מ נט.) אַז ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן זענען די טויערן פון תפילה פאַרשפּאַרט געוואָרן. האָט רבי ישראל סאַלאַנטער געזאָגט, אַז פונדעסטוועגן, איז עס 'בדוק ומנוסה', אַז **ס'איז דאָ איין תפילה וואָס ווערט געענטפערט אין יעדע צייט און אין יעדן מצב, און דאָס איז, די תפילה אויף סייעתא דשמיא ברוחניות** (מכתב מאליהו', ח"ד, ע' 77).

אַזוי שרייבט אויך דער 'ספר חסידים' (סימן קלא), אַז אויב דער מענטש בעט אויף אַ זאַך וואָס איז אַ שבח פאַר'ן באַשעפער, ווי צום ביישפּיל אויף לימוד התורה אָדער אַן אַנדערע רוחניות'דיגע זאַך, און ער גיסט זיך אויס דאָס האַרץ דערפאַר, טוט דער אויבערשטער הערן זיין תפילה, **אויך אויב ער איז נישט ראוי דערצו** מכח זיינע מעשים טובים.

אַז מ'רעדט שוין פון די קדושה און יראת שמים פון די הייליגן בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, איז כדאי צו ברענגען דאָ וואָס מיר האָבן שוין אַמאָל נאָכגעזאָגט, אַז דער בעלזער רב האָט אַמאָל געדאַרפט אַריבערגיין אַן אָפּעראַציע אויף די אויגן. ווען ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן אָפּעראַציע טיש, האָט דער דאָקטאָר איהם געזאָגט אַז ער דאַרף זיך לייגן אויף די פלייצע, כדי ער זאָל קענען אָפּערירן זיינע אויגן אָן דעם וואָס ער זאָל זיך רירן אַפילו אַביסל, און אַזוי וועט דער דאָקטאָר קענען זעהן וואָס עס קומט פאָר מיט זיינע אויגן. דער בעלזער רב האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען צו לייגן זיך אויף די פלייצע, נאָר ער וועט בלייבן זיצן, און אויך נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז אויב מ'וועט דאַרפן מאַכן די אָפּעראַציע ווען ער זיצט, הערשט אַ גרויסע סכנה דערין ח"ו, און ער קען נישט נעמען אויף זיך די אחריות, האָט אָבער דער בעלזער רב בשום אופן נישט מסכים געווען צו ליגן אויף זיין פלייצע...

**טו.** דער סקולענער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי ישעי' יעקב זצ"ל, האָט צענדליגער יאָרן נאָך דער חתונה געוואוינט אין מאָנטרעאל. אין יענע געגנט, וואוינען אַסאַך גוים להבדיל, אַזוי אַז ס'זענען דאָרטן דאָ גרויסע נסיונות אין דעם

**דער** 'שפת אמת' פירט אויס, אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק: 'וזה שער השמים' - דורך יראה ווערט געעפענט אַ טיר אין יעדן אָרט. דאָס הייסט, אַ איד וואָס האָט יראת שמים, איז זוכה צו סייעתא דשמיא אין אַלע ענינים, ברוחניות ובגשמיות[טז].

**שמרני כאישון בת עין - די הילולא קדישא פון הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע**

**די גמרא זאָגט** (חולין ז:) 'גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן'[יז]. די צדיקים זענען גרעסער נאָכדעם ווי זיי פאַרלאָזן די וועלט און גייען אַרויף אויפ'ן עולם העליון, ווי ביי זייער לעבן.

---

ענין פון שמירת העינים. ביי יעדע דרשה וואָס דער רבי האָט געהאַלטן אין שטאָט (דאָס איז געווען נאָך בחייו פון זיין זיידן, דעם אַלטן סקולענער רבי'ן הרה"ק בעל 'נועם אליעזר' זי"ע, און פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל מאור ישראל זי"ע), **האָט ער שטאַרק** מעורר געווען וועגן די חשיבות פון שמירת העינים, פאַרלייגנדיג אַ ספעציעלן דגוש דערויף אַז **דאָס אָפּהיטן די אויגן דאַרף געטוהן ווערן מתוך שמחה וחדוות הלב, און נישט מיט נערוועזיטעט**, ווען מ'פילט אַז עס קומט אָן שווער.

ער פלעגט זאָגן, דער פסוק פון 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', פאַנגט זיך אָן מיט'ן וואָרט **'והיה'** ('והיה לכם לציצית וגו') און חז"ל זאָגן אַז איבעראל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'והיה' איז עס אַ לשון **שמחה**. די תורה מיינט דאָ צו זאָגן, אַז מ'דאַרף זיין שמחה ביי 'אַלעם' וואָס שטייט דאָ אין פסוק, סיי ביי די מצוה פון ציצית, און אויך ביים מקיים זיין דעם 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם'.

אויך פלעגט ער זאָגן, אַז פונקט אַזוי ווי ביי אַ מלחמה, זענען דאָ אַסאַך שטאַפּלען ביי די סאָלדאַטן. צום פראָנט, שיקט מען געוועגליך נאָר די גוטע און שטאַרקע סאָלדאַטן, וואָס ווערן גערופן "קאָמאָנדאָס'. אַזוי אויך אין מאָנטרעאָל, וואו די נסיונות אין שמירת עינים זענען שווערער, זענען אַוודאי אַלע אידן וואָס וואוינען דאָרט, די שטאַרקערע 'סאָלדאַטן' אין דעם אויבערשטען'ס מיליטער, און ממילא דאַרף מען זיך שטאַרקן, ווייל ס'איז אַ סימן פון הימל אַז מיר זענען די שטאַרקע, און מיר האָבן דעם כח בייצושטיין אַלע נסיונות.

**דאָס איז אַ לימוד פאַר אַלע פון אונז** (נישט נאָר פאַר די אידן פון מאָנטרעאָל...) **אַז מ'טאָר קיינמאָל נישט ווערן צובראָכן ביי זיך ווען מ'זעהט אַז מ'האָט אַ שווערן יצר הרע, ווייל אדרבה, דער וואָס ווערט געפּרובט מיט אַ שווערן יצר הרע, דאַרף וויסן אַז וויפיל ער זעהט אַז דער יצר הרע וואַקסט ביי איהם, איז עס אַ סימן פאַר די כוחות און שטאַרקייט וואָס דער אויבערשטער גיט פאַר דעם מענטש וואָס ווערט אויסגעפּרובט. און דער עצם פאַקט וואָס אונזער דור, ווערט געפּרובט מיט נסיונות וואָס מ'האָט קיינמאָל פריער נישט געהאַט, איז אַ סימן אַז מ'גיט אונז גאָר שטאַרקע כוחות פון הימל, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אין אַ מלחמה, שיקט מען אויפ'ן 'פראָנט' די בעסטע און פעאיגסטע סאָלדאַטן...**

**טז.** הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָס די יונגעלייט שטייגן נישט היינטיגע צייטן, איז עס דערפאַר ווייל זיי האַלטן נישט חשוב קיין איין גוטע עובדא. ער האָט געזאָגט:

- מיר, ווען מיר זענען געגאַנגען אויפ'ן גאַס און מיר זענען אַריינגעקומען אין הויז **נאָך דעם ווי מיר האָבן זוכה געווען צו היטן די אויגן, פלעגן מיר אַרויסגיין אין אַ טאַנץ 'ארוממך ה' כי דליתני'...**

דער 'ישמח ישראל' שרייבט (פ' וירא, ד"ה 'ויקח בידו את האש') אויפ'ן פסוק (בראשית כב, ו) 'ויקח בידו את האש ואת המאכלת וילכו שניהם יחדיו'. 'אש' איז 'יראה', און 'מאכלת' איז 'פרנסה', אַזוי ווי חז"ל זאָגן, 'המאכלת, שמאכלת את בני ישראל עד היום' - אידן שפייזן זיך דערפון ביז'ן היינטיגן טאָג. און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'האש והמאכלת וילכו שניהם יחדיו', ווייל **יראת שמים און פרנסה גייען צוזאַמען.** דאָס הייסט, לויט וויפיל יראת שמים דו פאַרמאָגסט, אַזוי פיל פרנסה וועסטו האָבן.

**יז.** די פאָלגענדע מעשה האָבן מיר געהערט פון אונזערס אַ באַקאַנטן, דער בעל המעשה, ווי פאָלגענד: אַ אידישער 'קאָנטראַקטאָר', אַ שומר תורה ומצוות, האָט אין אַ געוויסן טאָג באַקומען אַ בריוו פונעם שטייער-אַמט, וואו זיי שרייבן צו איהם אַז מ'האָט געטראָפן אומפּונקטליכקייטן אין די ביכער פון זיין בוי-פירמע. לויט ווי זיי זענען חושד, איז ער 'שולדיג' פאַר'ן שטייער נישט ווייניגער ווי אַ פערטל מיליאָן שקלים. דער קאָנטראַקטאָר האָט שיער געליטן דערפון אַ האַרץ אַטאַקע רח"ל, ווייל אַ חוב אויף אַזאַ גרויסן סכום געלט, מיינט אַז ער וועט מעגליך זיין געצוואונגען צו שליסן די גאַנצע בוי-פירמע, ווייל ער האָט פּשוט נישט די מעגליכקייט צו שטיין אין אַזעלכע הוצאות. אַזאַ ריזיגער סכום געלט צו באַצאָלן, וועט ממש פירן דאָס געשעפט באנקראט ל"ע.

**דאָס** איז געזאָגט געוואָרן ספּעציעל אין די יומא דהילולא פון דעם צדיק י"ח, ווען זיין הייליגער גייסט שוועבט און שיצט אידישע קינדער צו ברענגען ישועות פאַר די אַלע וואָס בעטן פאַר שערי רחמים.

---

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט זיין בוכהאַלטער ('בוקקיפּער' בלע"ז), און יענער האָט איהם געזאָגט אַז ער וועט זעהן וואָס מ'קען טוהן, אָבער ער האָט באַלד צוגעגעבן, אַז ער זאָל נישט 'אויפבויען' אין קאָפּ צו-גרויסע האָפענונגען, ווייל פון ערפאַרונג ווייסט ער - דער בוכהאַלטער - צו זאָגן פון ענליכע פאַלן, אַז ס'איז נישט דאָ צופיל וואָס צו טוהן קעגן די באַאמטע פונעם שטייער אַמט.

דער קאָנטראַקטאָר האָט זיך אַרומגעדרייט פאַרוויטאָגט און צובראָכן. איין טאָג האָט ער באַגעגנט זיינס אַ ידיד, און ווען יענער האָט געזעהן ווי צובראָכן ער איז, האָט ער פאַרפירט מיט איהם אַ שמועס, און דער קאָנטראַקטאָר האָט איהם דערציילט וועגן דעם גרויסן 'בראָך' וואָס האָט איהם געטראָפן. האָט זיין פריינט פּרובירט טראַכטן וואָס פאַר אַן עצה ער קען איהם געבן אין אַזאַ צרה, און דאַן האָט ער זיך פּלוצלינג געוואָנדן צו איהם מיט אַ פאָרשלאַג, צו פאָרן קיין צפת, און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ ביים 'ציון' פון הייליגן אָוריטשער, דער בעל 'בת עין' זי"ע.

איז דער קאָנטראַקטאָר אויפגעשטאַנען פרי, און איז געפאָרן קיין צפת, וואו ער איז צוגעפאָרן צו די מערה פונעם קדוש עליון דער בעל 'בת עין' זי"ע אין צפת. ער האָט געבעטן רחמים ותחנונים אַז דער זכות פונעם 'בת עין' זאָל איהם ביישטיין געהאָלפן צו ווערן מיט אַ ישועה. ווען ער האָט געענדיגט מתפלל זיין, האָט ער צוגעזאָגט ביים 'ציון' אַז אויב ער וועט געהאָלפן ווערן, וועט ער ביישטייערן אַ סעודה לעילוי נשמתו פונעם 'בת עין'. פון דאָרט, איז ער צוריקגעפאָרן אַהיים.

אַלזאָ, עס איז ביי איהם מקוים געוואָרן 'תיכף לתפלה ישועה', ווייל שוין פאָרנדיג אויפ'ן וועג צוריק פון צפת אַהיים, האָט זיין טעלעפאָן געקלונגען, און אויפ'ן טעלעפאָן איז געווען זיין בוכהאַלטער, וועלכער האָט איהם געזאָגט, אַז נאָכ'ן איבערקוקן די זאַך האָט מען געפונעם די פעלנדיגע 'בילס' (רעכענונגען), און אַזוי קען מען יעצט אויפווייזן אויף זיכער אַז אַלעס איז געפירט געוואָרן ריכטיג, און ער האָט נישט פאַרפעלט אַפילו איין צאָלונג צו זיי. 'אומר ועושה', ער האָט זיך געוואָנדן צום שטייער אַמט, און זיי האָבן געמוזט מודה זיין אַז דער בוכהאַלטער איז גערעכט. זיי האָבן זיך נאָך גע'עקשנ'ט צו טענה'ן אַז דאָ און דאָרט זענען געווען 'פאַרזעהעענישן', און זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ 'קנס' פון דרייסיג טויזנט שקלים.

ווען דער בוכהאַלטער האָט געלאָזט וויסן דערפון פאַר דעם קאָנטראַקטאָר, האָט דער קאָנטראַקטאָר זיך זייער געפרייט אַז ס'איז אַראָפּגעקומען פונעם חשבון דער גרעסטער טייל פונעם חוב - פון 250 טויזנט שקלים, איז ער יעצט שולדיג 'בלויז' 30 טויזנט, וואָס דאָס איז גאָר אַ גרויסער חילוק, אָבער ער האָט מיט זיין תמימות געזאָגט צום באַשעפער, אַז ער פאַרלאָזט זיך אויפ'ן זכות פונעם הייליגן 'בת עין' זי"ע, און מיט'ן אויבערשטען'ס הילף וועט ער צום סוף אפילו נישט דאַרפן צאָלן די דרייסיג טויזנט שקלים...

עטליכע טעג שפּעטער, האָט דער בוכהאַלטער זיך פאַרבונדן מיט'ן קאָנטראַקטאָר, און אַן איבערראַשטער האָט ער איהם געזאָגט: 'דו וועסט נישט גלייבן, אָבער איך האָב געפונען נאָך עטליכע חשבונות (Invoices בלע"ז) פון חובות וועלכע זענען שוין באַצאָלט געוואָרן צום שטייער אַמט, און איך בין אַרויף אין די אפיסעס פונעם שטייער אַמט און זיך געזעצט מיט זיי צום טיש. איך האָב זיי קלאָר אויפגעוויזן, אַז דו ביזט געווען גאָר ערליך מיט דיינע צאָלונגען, און איך האָב ברוך השם מצליח געווען זיי צו איבערצייגן אַז דו ביזט זיי גאָרנישט שולדיג, און אדרבה, לויט ווי עס זעהט אויס, קומט דיר גאָר אַ **צוריקצאָל פון פינף טויזנט שקלים**, און ער האָט שוין אַריבערגעפירט דאָס געלט צו דיין באַנק-קאָנטע...

דער קאָנטראַקטאָר האָט געהאַלטן וואָרט, און אויף שבת פונעם יאָרצייט פונעם 'בת עין' זענען אַ גרופּע פון זיינע באַקאַנטע געפאָרן קיין מירון, און דער קאָנטראַקטאָר האָט זיי באַצאָלט אַ שיינעם סכום, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, לעילוי נשמתו פונעם בעל ההילולא.

**יח.** מיר דאַרפן גלייבן באמונה שלימה, אַז יעדעס יאָר אין זיין יאָרצייט, גייט דער צדיק אַרויף אין הימל העכער און העכער פון איין וועלט צו די אַנדערע, און ער האָט אַ גרעסערן כח ווי אין די פריערדיגע יאָרן משפיע צו

עס שטייט אין ספה"ק 'ישמח ישראל' ('מאורן של ישראל', י"ד שבט, אות ב) אַ טעם פאַרוואָס דער טאָג פון די הסתלקות פונעם צדיק ווערט אָנגערופן 'הילולא', ווייל יענער טאָג איז פאַר דעם צדיק אַזוי ווי אַ 'חתונה'יט,

---

זיין ישועות פאַר אידישע קינדער. **די ישועות וואָס וועלן געשען היי יאָר י"ב כסלו הבעל"ט, וועלן זיין נאָך גרעסער ווי די ישועות וואָס מ'האָט געזעהן פאַריאָר י"ב כסלו.**

דער אַלטער סקולענער רבי, הרה"ק בעל 'נועם אליעזר' זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הייליגן רוזינער זי"ע, די גמרא זאָגט (ברכות לד:) אַז ווען מ'דאַווענט שמונה עשרה, בוקט מען זיך ביי 'אבות', און ביי 'מודים' ביים אָנהייב, און ביים סוף, אָבער דער כהן גדול בוקט זיך ביים סוף פון יעדע ברכה. זאָגט רש"י, אַז וואָס גרעסער דער מענטש איז, דאַרף ער זיך מער אונטערטעניגן פאַר דעם אויבערשטען (און דערפאַר זאָגט די גמרא דאָרט, אַז אַ קעניג דאַרף זיך בוקן נאָך מער ווי דער כהן גדול).

לויט דעם קומט אויס, אַז יעדעס יאָר אינעם יאָרצייט גייט דער צדיק העכער און העכער אין די עולמות העליונים, **און וואָס גרעסער ער איז, אַזוי דאַרף ער זיך מכניע זיין און זיך אַראָפּלאָזן צו העלפן די אידן וואָס געפינען זיך דאָ אויף דער וועלט.**

## מן הבאר

דער ברעזשאַנער רב, הגאון מהרש"ם זצ"ל, שרייבט אין זיין ספר 'תכלת מרדכי', אויפ'ן פסוק (בראשית כא, ו) 'ותאמר שרה צחוק עשה לי אלוקים, כל השומע יצחק לי', זאָגט רש"י: אַסאַך עקרות זענען נפקד געוואָרן צוזאַמען מיט שרה, און אַסאַך קראַנקע זענען אויסגעהיילט געוואָרן יענעם טאָג וכו', און עס איז געווען אַ גרויסער שמחה אויף דער וועלט. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט אויסגעפעלט דער דאָזיגער נס?

ענטפערט דער ברעזשאַנער רב, **ווייל אברהם אבינו ע"ה און שרה אמינו ע"ה, האָבן מיט זייער גרויסע איידלקייט זיך נישט געקענט פרייען מיט'ן געבורט פון זייער בן-יחיד יצחק אויף זייערע עלטערע יאָרן, כל זמן זיי האָבן געוואוסט אַז עס זענען דאָ אַסאַך עקרות און קראַנקע אויף דער וועלט.** צוליב דעם האָט דער אויבערשטער געהאָלפן אַלע עקרות מיט קינדער, און ער האָט אויסגעהיילט אַלע קראַנקע, און עס איז געווען זייער פרייליך אויף דער וועלט, אַלעס כדי אברהם און שרה זאָלן זיך קענען פרייען מיט'ן געבורט פון זייער זון, יצחק אבינו ע"ה.

**לדידן ייאמר, ווען עס קומט די 'הילולא'** ('חתונה') **פונעם צדיק, קען ער זיך נישט פרייען אין זיין גרויסן טאָג, אויב אידישע קינדער פלאָגן זיך יעדער איינער מיט זיינע פּראָבלעמען און ווייטאָגן. ממילא, מוז דער אויבערשטער כביכול אויסהיילן אַלע קראַנקע, און העלפן אַלע עקרות מיט קינדער, געפינען שידוכים פאַר אידישע בחורים און מיידלעך, און משפיע זיין אַסאַך פרנסה פאַר אידן. נאָר אַזוי, וועט דער צדיק זיך אויך קענען פרייען אין טאָג פון זיין שמחה... ממילא, לאָמיר זיך אַלע פרייען אין דעם טאָג פון י"ב כסלו, ווען עס וועט מקוים ווערן ביי אונז 'ורב שחוק בעולם'...**

**יט.** דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע האָט ערקלערט דאָס ענין פון דעם 'הילולא' פון אַ צדיק, ווייל דער צדיק האָט דאָך ריזיגע כוחות צו פועל'ן ישועות אויף דער וועלט בחיים חיותו, אָבער ווען ער קומט אַרויף אויפ'ן עולם העליון נאָכ'ן נסתלק ווערן פון דע וועלט, זעהט ער דאָך דאָרט אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז פאַר די טובה פון אידישע קינדער, און ממילא אַרבעט ער דאָרט נישט אָפּצוטוהן דעם צער פון אידן וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, ווי עס ווערט דערציילט אַז דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, האָט צוגעזאָגט פאַר זיין הסתלקות צו זיין תלמיד דעם הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, אַז ווען ער וועט אַרויפקומען אין הימל וועט ער נישט איינרוהען ביז ער וועט בטל מאַכן אַ געוויסע שווערע גזירה וואָס האָט דעמאָלס געהאָנגען אויף די קעפּ פון אידישע קינדער.

אַ צייט שפּעטער, האָט דער רבי ר' אלימלך זי"ע זיך באַוויזן אין חלום צו זיין תלמיד דעם רבי'ן ר' מענדעלע און איהם געזאָגט: זינט איך בין אַרויפגעקומען אין הימל זעה איך דאָרט אינגאַנצן נישט קיין 'שווערע גזירות', ווייל אַלע גזירות זענען נאָר לטובה פאַר אידישע קינדער, און צוליב דעם קען איך נישט בטל מאַכן די גזירות.

וואָס אויף אַראַמיש ווערט אַ חתונה אָנגערופן 'הילולא'. און פונקט ווי ביי אַ חתונה לייענט מען די כתובה פאַר דעם חתן, אידם צו לאָזן וויסן און אידם דערמאנען זיינע התחייבות'ן כלפי די כלה, טוט מען אויך אינעם יאָרצייט פונעם צדיק, דערמאנען דעם צדיק זיינע התחייבות'ן פאַר די מענטשן וואָס האָבן זיך געוואַרימט ביי אידם בחיים חיותו, עכ"ד.

און דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא פאַר די וואָס האָבן זיך מסתופף געווען אין שאָטן פונעם צדיק בחיים חיותו, נאָר דאָס איז גילטיג אויך פאַר היי יאָר[כ], שנת תשפ"ז[כא], און ס'איז פשוט אַז מ'דערמאנט פאַר דעם צדיק זיינע התחייבות'ן, ווייל ער קען 'באַצאָלן די חובות'...

**סעדני ואוושעה - די סגולה פון פראַווען אַ סעודת הילולא**

ס'איז אַ באַקאַנטע סגולה צו צוגרייטן און אָפּצורעכטן אַ סעודה לכבודו ולטובת נשמתו פון דעם הייליגן בעל הילולא, דער 'בת עין', הרה"ק רבי אברהם דוב

---

זאָגט דער הייליגער בעלזער רב זי"ע, אז **אין דעם טאָג פונעם יאָרצייט פונעם צדיק, קומט אַראָפּ די הייליגע נשמה פון דעם צדיק אויף דער וועלט און דאַן זעהט זי ווידעראַמאָל דעם גאַנצן צער און ווייטאָג וואָס גייען אַריבער אויף אידישע קינדער 'דבר יום ביומו'... ממש, אין לך יום שאין ... מרובה... פון דער צווייטער זייט, איז דאָך דאָס אָרט פון דער נשמה שוין אויפ'ן עולם העליון, און ממילא קומט אויס אַז זי האָט נאָך גרעסערע כוחות ווי זי האָט געהאַט אין צייט ווען זי האָט זיך געפונען אויף דער וועלט, וועגן דעם איז זי בכוח צו פועל'ן דעמאָלס גרויסע ישועות, למעלה מדרך הטבע.**

לויט דעם, זאָגן די ספרים אַ כוונה אין די ווערטער פון רש"י אויפ'ן פסוק (בראשית כז, א) 'ותהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות', זאָגט רש"י אין צווייטן פשט, אַז ווען יצחק איז געברענגט געוואָרן אויפ'ן מזבח צו די עקידה, און זיין טאַטע אברהם האָט אידם געוואָלט שחט'ן, אין יענע מינוטן **האָבן זיך געעפענט די הימלען**, און די מלאכים האָבן געזעהן ווי יצחק ליגט אויף די עקידה, און זיי האָבן געוויינט. די טרערן פון די מלאכים זענען געפאַלן אויף די אויגן פון יצחק אבינו ע"ה, און צוליב דעם האָט ער פאַרלוירן דעם כח הראיה.

דאַרף מען פאַרשטיין, צי דען כדי די מלאכים זאָלן זעהן וואָס עס פאַסירט אויף דער וועלט, אַז אברהם אבינו ע"ה ברענגט זיין זון יצחק אויף די עקידה, האָבן די הימלען זיך געדאַרפט עפענען? די מלאכים האָבן דאָך געקענט זעהן אין הימל די מעשה פון די עקידה, אויך אָן דעם וואָס די הימלען זאָלן זיך דאַרפן עפענען?

איז דער תירוץ, אַז די מלאכים זעהען טאַקע אַלעס פון הימל, אָבער פון דאָרט קענען זיי נישט וויינען דערויף, ווייל זיי זעהען דאָך דאָרט נאָר די טובה פון די זאַך, און אויף אַ טובה און אַ ברכה האָט דאָך נישט קיין זינען צו וויינען... נאָר **ווען זיי קוקן אַראָפּ אויף דער וועלט און זיי זעהען ווי אידישע קינדער פלאָגן זיך, יעדער איינער מיט זיינע פראָבלעמען, וויינען זיי אומאויפהערליך**, און אַזוי זענען די אויגן פון יצחק אבינו ע"ה געוואָרן בלינד ל"ע.

**כ.** מ'קען זאָגן אַ רמז, די ראשי תיבות פון דעם פסוק **י**'שראל **נ**'ושע **ב**'ה' **ת**'שועת **ע**'ולמים, איז 'בת עין'... ווייל דער 'בת עין' איז בכח מעורר רחמים צו זיין אויף אידישע קינדער, געהאָלפן צו ווערן מיט די אייביגע ישועה...

אויך איז 'בת עין' די ראשי תיבות פון דעם פסוק '**ב**'ה' **ת**'תהלל **נ**'פשי **י**'שמעו **ע**'נוים וישמחו...

**כא.** דער 'ספרי' זאָגט (פרשת עקב, פיסקא לח) אז מיר זעהן אין די תורה, אז די ברכה פון צדיקים גייט מיט איבעראַל וואו זיי גייען: **א.** ווען יעקב אבינו ע"ה איז געקומען צו לבן, האָט ער מיטגעברענגט מיט זיך די ברכה. **ב.** ווען יוסף איז געווען ביי פוטיפר, איז פוטיפר געבענטשט געוואָרן. **ג.** ווען יעקב איז געקומען צו פרעה, איז מיטגעקומען אַ ברכה ווען יעקב האט אידם געבענטשט. מיט וואָס האָט ער אידם געבענטשט? אז עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די הונגער יאָרן פאַר דער צייט, און דער תנא קמא האַלט, אַז נאָך דעם ווי יעקב איז נסתלק געוואָרן, זענען די הונגער יאָרן צוריקגעקומען און צוגעענדיגט זייער צייט פון זיבן יאָר. **רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אָבער, אַז עס איז נישט אַ קידוש השם אויב די השפעות פון די צדיקים זענען דאָ נאָר ביי זייער לעבן און זיי ווערן בטל נאָך זייער הסתלקות, נאָר די שפע וואָס קומט דורך דעם צדיק, פאַרבלייבט אויף אייביג.**

קומט אויס, אַז אַוודאי וועלן די אַלע ניסים וואָס האָבן דעמאָלס פאַסירט - אין די צייט פון הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע - פאַסירן אויך היינט, און עס וועט אַראָפּקומען אַ גרויסע שפע מיט אַלע גוטע זאַכן אויף אידישע קינדער.

ס'איז באַקאַנט, אַז אין יאָר תקצ"ז, ווען עס האָט פאַסירט די שרעקליכע ערד ציטערניש אין צפת, זענען כמעט

אלע אידישע איינוואוינער פון שטאָט געווען באַגראָבן אונטער די חורבות, און עס איז געבליבן לעבן נאָר אַ 'צענטל' פונעם ישוב. ווען די ערד ציטערניש איז פאָרגעקומען, האָט מען אין דער שול פונעם 'בת עין' געהאַלטן אינמיטן די 'חזרת הש"ץ' פון מנחה. האָט דער 'בת עין' באַפוילן די אַלע אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין בית המדרש, זיך אַוועקצושטעלן אַרום איהם. דער 'בת עין' זעלבסט, האָט זיך אַראָפּגעלייגט אויף דער ערד 'בפישוט ידים ורגלים', כדי אויסצו'פועל'ן אַ ישועה.

אַ האַלבער בנין פון דער שול איז צוזאַמענגעפאַלן. אויך דער דאַך איבער יענער העלפט איז אַראָפּגעפאַלן, אָבער די צווייטע העלפט וואו די מתפללים זענען געשטאַנען, נעבן דעם 'בת עין', איז געבליבן גאַנץ. דאָס קען מען זעהן ביז'ן היינטיגן טאָג.

אויך די הסתלקות פונעם צדיק איז געווען לטובת די הצלחה פון די אידן אין צפת, ווען אין אָנהייב פון יאָר תר"א האָט אויסגעבראָכן אין צפת אַ שרעקליכע מגיפה רח"ל, און יעדער איינער וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט עמיצן וואָס איז געווען נישט געזונט ל"ע, איז אויך געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער מחלה רח"ל. די דאָזיגע מגיפה האָט ליידער פאַראורזאַכט אַסאַך אידישע קרבנות ל"ע, און אויך דער 'בת עין' איז געוואָרן אָנגעשטעקט דערפון רח"ל. ער האָט געקעמפט מיט די מחלה עטליכע טעג.

פאַר זיין הסתלקות, האָט דער 'בת עין' פאַרזיכערט די אידן אין שטאָט, אַז ער איז דער לעצטער קרבן פון דעם אונטערגאַנג, און אַז עס וועט שוין מער נישט אויסברעכן אַ מגיפה אין שטאָט.

מיר האָבן געהערט פון הרב שמעיה טויסיג שליט"א, אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון זיין באַבע, און עס איז מקובל אין די משפחה, וועגן איינעם פון זייערע זיידעס, הרה"צ רבי משה לייב העלער זצ"ל, וועלכער איז געווען מבני היכלא קדישא פונעם 'בת עין' זי"ע, און אַ ברודער פון דעם גאון רבי שמואל העלער זצ"ל, דער רב פון עיה"ק צפת.

דער לעצטער טאָג פאַר רבי משה לייב'ס הסתלקות איז געווען פרייטאָג, און ער איז געלעגן אין אַ מצב פון גסיסה רח"ל אַ לענגערע צייט. איז זיין ברודער, דער גאון רבי שמואל העלער, וועלכער איז געווען פון דער נאַטור אַ תקיף און ער האָט חושש געווען אַז אויב די גסיסה וועט זיך פאַרציען קען דאָס צוברענגען צו אַ חשש פון חילול שבת ח"ו. האָט רבי שמואל זיך אָנגערופן צו זיין ברודער רבי משה לייב: **'ס'איז שפּעט!... דער שבת קומט שוין אָט-אָט!'...**

אין יענע סעקונדע, האָט רבי משה לייב זיך אויסגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט, און צוריקגעגעבן זיין הייליגע נשמה צו איר באַשעפער... ער איז געבראַנגט געוואָרן צו קבורה עטליכע סעקונדעס פאַר די שקיעה.

מוצאי שבת, האָט דער נפטר רבי משה לייב זיך באַוויזן אין חלום צו זיין ברודער, דעם רב רבי שמואל העלער, און ער האָט איהם דערציילט וואָס עס האָט פאַסירט מיט איהם זינט זיין קבורה ערב שבת פאַרנאַכטס. וויבאַלד ווען מ'האָט איהם קובר געווען איז שוין געוואָרן שבת, האָט מען שוין נישט באַוויזן אין הימל איהם צו ברענגען צום משפט פאַר'ן בית דין של מעלה, און אום שבת איז ער געווען 'רואיג' (ווייל אויך דער גיהנום רוהט אין שבת'). 'ויהי נועם נשבת במוצאי שבת'... דאַן איז צוגעקומען צו איהם אַ מלאך, און איהם גערופן צו קומען מיט איהם...

האָט רבי משה לייב געזאָגט צו דעם מלאך, 'איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געטוהן אַ זאַך, אָן צו פרעגן פריער די עצה פון מיין רבי'ן, דער הייליגער אָוורוטשער'. האָט דער מלאך מסכים געווען, און איהם גענומען צום היכל פון זיין רבי'ן, דעם 'בת עין' זי"ע. רבי משה לייב איז אַריינגעגאַנגען אינעם היכל, און דער מלאך איז געבליבן שטיין אינדרויסן. דער 'בת עין' האָט איהם אויסגעפרעגט איבער זיין הסתלקות, און רבי משה לייב האָט געענטפערט אַז דער מלאך וואַרט אינדרויסן. האָט דער 'בת עין' איהם איהם געזאָגט: **'ווער איז דער מלאך... דו ביזט דאָ, בלייב דאָ'**... און רבי משה לייב איז טאַקע פאַרבליבן אין דעם היכל פונעם 'בת עין'...

לדידן ייאמר, צו יעדן איינעם וואָס איז זוכה 'אַריינצוקומען' אין היכל פונעם 'בת עין', זאָגט ער: 'דו ביזט דאָ, בלייב דאָ'... און וואויל איז פאַר דער וואָס טוט זיך האַלטן אונטער זיין שאָטן. ער וועט זוכה זיין צו באַקומען פונעם צדיק אַלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות, פאַר'ן גוף און פאַר די נשמה, עס זאָל איהם אייביג זיין גוט.

נו, וועט דער מענטש פרעגן: **ווי אַזוי קען מען זוכה זיין אויך היינטיגע צייטן, אַריינצוקומען אינעם היכל פונעם הייליגן 'בת עין'**, און זיך אנשעפּן גאַנצע הויפענס ממעיני הישועה...

איז דער ענטפער אויף דעם, **ערשטענס, דאַרפן מיר גלייבן באמונה שלימה אין דעם מורא'דיגן גרויסן כח פונעם צדיק יסוד עולם, מבטל צו זיין אַלע שווערע ביטערע גזירות, און אַראָפּנעמען אַלע שווערע 'שטיינער' פון די קעפּ פון אידישע קינדער**, אַזוי ווי דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, זאָגט אויף דעם וואָס רחל אמינו ע"ה האָט געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה, 'הבה לי בנים, ואם אין מתה אנכי'. אויף דעם האָט יעקב געענטפערט 'התחת אלוקים אנכי'.

זאָגט דער בעלזער רב זי"ע, אַז יעקב האָט געמיינט צו זאָגן, די אמונה אין אַ צדיק, איז אַנדערש פון די אמונה אין דעם אויבערשטען, וואָס איז בכח איבערצודרייען מערכות אויך אויב עס איז נישט בשלימות, אָבער **דער כח פון אמונה אין דעם צדיק, איז נאָר ווען מ'גלייבט באמת אַז דער זכות פון דעם צדיק איז בכח צו העלפן מיט אַלע סאָרטן ישועות**. אויף דעם האָט יעקב געזאָגט צו רחל, וויבאַלד דו האָסט געזאָגט 'ואם אין' (און אויב נישט..), איז דאָך אַ סימן אַז דו ביזט מסופק אין מיין כח. אויב אַזוי, בין איך נישט אימשטאַנד דיר צו העלפן, ווייל 'התחת אלוקים אנכי', צו העלפן אויך ווען מ'גלייבט נישט אין מיר מיט די גאַנצע אמונה?! **נאָר א אמת'ע אמונה אין דעם כח פונעם צדיק, איז בכח צו פועל'ן וואונדערליכע ישועות, למעלה מדרך הטבע.**

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט ('אבני זכרון', ערך 'צדיק') 'ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך', אַז דער וואָס גלייבט ביים **אַריינקומען** צום צדיק, אַז דער צדיק איז בכח צו פועל'ן פאַר איהם די ישועה, איז ער פאַרזיכערט אַז עס וועט ביי איהם מקוים ווערן אויך 'ברוך אתה בצאתך', און ער וועט **ארויסגיין** מיט א גאנצע ישועה.

מיר האָבן געהערט פון די בעלי העובדא, אַז אינעם טאָג פון די הילולא אין יאָר תשפ"ב, האָבן זיי געזעהן ווי גרויס ס'איז דער ענין צו לערנען דעם הייליגן ספר 'בת עין', וואָס איז מסוגל אויף אַלע ישועות, און זיי האָבן גענומען אויף זיך צו לערנען אין ספר 'בת עין' יעדן שבת, פאַר'ן זכות פון די צוויי ערוואַקסענע טעכטער אין הויז וואָס זיצן און וואַרטן בכליון עינים אויף זייער זווג.

אַ יאָר שפּעטער, האָט די עלטערע טאָכטער געזאָגט צו איר מאמע, אַז צוליב דעם אָנגעשטרענגטן מצב, בעט זי פון איר מאַמע 'אַרויסצוגיין' מיט איר אויף איין טאָג, זיך צו באַפרייען אַביסל פון דעם 'עול' און דעם דרוק וואָס הויערן אויף איר. די מאמע האָט טאַקע גענומען אַ טאָג 'וואַקאַציע' פון דער אַרבעט, און זיי זענען אַרויסגעפאָרן צוזאַמען קיין צפת ת"ו...

דאָס איז פאָרגעקומען י"ב כסלו, דער טאָג פונעם יאָרצייט... זיי האָבן זיך אָבער נישט געכאַפּט דערויף ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן, און נאָר ביים אָנקומען קיין צפת, האָבן זיי ערשט באַגריפן אין וואָס פאַרא טאָג זיי שטייען דאָ היינט... זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זיי האָבן באַשלאָסן תיכף צוצופאָרן צום הייליגן ציון אין דעם גרויסן טאָג. ס'איז זיי אָבער אָנגעקומען זייער שווער, ווייל עס האָט יענעם טאָג זייער שטאַרק גערעגנט, און ממש אויף אַ וואונדערליכן אופן, זענען זיי אָנגעקומען צו די מערה פונעם 'בת עין' צען מינוט פאַר די שקיעה. זיי האָבן דאָרט אויסגעגאָסן זייערע הערצער אַז זיי זאָלן בקרוב געפינען זייער זיווג, און האָבן אַפילו גענומען אויף זיך צוריקצוקומען דאַנקען דעם בעל ההילולא פאַר'ן נס, אויב זי וועט אינגיכן אַ כלה ווערן בשעטו"מ.

באַלד נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזט די מערה, נאָך וואַרטנדיג אויפ'ן אויטאָבוס צוריקצופאָרן אַהיים, האָט דער טאַטע טעלעפאָנירט צו די מאַמע און איר איינגעמאָלדן, אַז ממש אין יענע מינוטן האָט עמיצער טעלעפאָנירט 'אָנצוטראָגן' אַ שידוך... און ביז עטליכע טעג, איז דער שידוך צושטאַנד געקומען אין אַ מזל'דיגע שעה.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז זיי האָבן פאַרגרעסערט צו לערנען ווייטער אין הייליגן ספר 'בת עין', און עטליכע חדשים שפּעטער, האָט אויך די צווייטע טאָכטער געפונען 'איר' זיווג...

און יעצט, ווילן מיר צוקומען צום 'עיקר פונקט' פון וואס מיר רעדן... ענדע חודש אב, זענען זיי ווידעראַמאָל געפאָרן צום הייליגן ציון פונעם 'בת עין', צו דאַנקען און לויבן דעם גוטן באַשעפער פאַר'ן חסד וואָס ער האָט מיט זיי געטוהן, און זיי האָבן צוגעלייגט אַ תפילה פאַר די דריטע טאָכטער וואָס איז דערווייל שוין אויך אונטערגעוואַקסן, און זיי האָבן ווידעראַמאָל גענומען אויף זיך צוריקצוקומען קיין צפת צום הייליגן 'ציון', צו דאַנקען דעם 'בת עין' פאַר די ישועה, אין דער וואָך פונעם יאָרצייט.

מיט זייער גרויסע אמונה אין די ישועה פון באַשעפער וואָס וועט קומען וואָס פריער אין זכות פונעם צדיק, האָבן זיי צוגעלייגט אַ 'תנאי', אַז **אויב די חתונה פון די** (דריטע) **טאָכטער וועט געפּראַוועט ווערן נאָנט צום טאָג**

בן הרה"ק רבי דוד זי"ע. אַ סעודה לכבוד די הילולא, איז בכח צו ברענגען גרויסע ישועות, ווי הרה"ק מטאָהש

---

**פונעם יאָרצייט, וועלן זיי קומען אין אַן אַנדערע צייט**... און וואונדער איבער וואונדער: ס'איז באַלד ארויף-געקומען אַ פרישע 'פאָרשלאַג', און מ'האט געלאסן שידוך, און די חתונה איז פאָרגעקומען **ט"ז כסלו**...

זעהען מיר פון דעם אַלעם **דעם גרויסן כח פון אמת'דיגע אמונה.** אָט שטייען זיי ענדע חודש אב, און נעמען זיך אויס אַ 'תנאי' וועגן אַ חתונה וואָס וועט פאָרקומען אין חודש כסלו, אין אַ צייט ווען דער שידוך איז נאָך בכלל אין גדר פון אַ 'דבר שלא בא לעולם'... זיי האָבן שוין אָבער געזעהן דעם כוח פונעם צדיק צו פועל'ן ישועות אויף דער וועלט, און זיי האָבן זיך שוין פאַרזיכערט אַז דער שידוך וועט 'שנעל' אָנקומען, און ס'איז אַלזאָ מעגליך, אַז זי וועט שוין חתונה האָבן אין חודש כסלו... און אַזוי איז טאַקע געווען!

פון דער אַנדערער זייט, האָבן מיר געהערט אַ מורא'דיגע מעשה פון די בעלי העובדא. עטליכע יאָר צוריק, זענען געזעסן אַ גרופּע פון 15 בחורים, און גענומען אויף זיך, אַז אויב זיי וועלן אַלע ווערן חתנים ביז דעם טאָג פונעם יאָרצייט הבעל"ט (תשפ"ב), וועלן זיי פּראַווען אַ גרויסע סעודה לכבוד נשמת דעם הייליגן בעל 'בת עין' זי"ע. איינער פון די בחורים, האָט אָבער אָפּגעלאַכט פון די גאַנצע 'סגולה', זאָגנדיג אַז ער גלייבט נישט דערין. אַלזאָ, ביז צום טאָג פונעם יאָרצייט אין יאָר תשפ"ב, זענען 14 בחורים פון דער גרופּע אַריינגעקומען בברית האירוסין אין אַ מזל'דיגער שעה, אויסער יענער בחור וואָס האָט געלאַכט דערפון... פאַר'ן יאָרצייט, איז ער געקומען צו אונז מיט טרערן אין די אויגן, בעטן אַז מיר זאָלן מפרסם זיין די מעשה, כדי מרבה צו זיין אמונה ביי אידישע קינדער (און אין איינוועגס זאָל ער האָבן אַ כפרה פאַר'ן אָפּלאַכן דערפון).

ביי דעם הייליגן 'בת עין' זי"ע זעלבסט, האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז ער איז געגאַנגען מיט אַ קבוצה אידן מתפלל זיין אויף די ציונים פון די צדיקים וואָס ליגן אין צפת, און אַדורכגייענדיג ביי איינעם פון די קברים, האָט דער 'בת עין' געהערט ווי איינער פרעגט זיין חבר, ווער זאָגט דען אַז דער צדיק איז טאַקע באַהאַלטן דאָ... אויפ'ן אָרט, האָט דער 'בת עין' זיך אויסגעדרייט און געזאָגט צו יענעם איד: **איינער וואָס טוט נאָכקלערן אַ זאַך וואָס איז אָנגענומען ביי אידן, איז אַן אפיקורס...**

דאָס דאַרף דינען ווי אַ לימוד פאַר די אַלע 'אויבער-חכמים' למיניהם, וואָס ברענגען אַרויף ספיקות און פקפּוקים, כדי אָפּצוקילן די אמונה, ווען זיי טוהען 'נאָר' פרעגן 'ווער זאָגט דען'... ודי לחכימא ברמיזא...

דער בעסטער וועג צו באַהעפטן זיך מיט די נשמה פונעם צדיק איז דורכ'ן גיין אין זיינע הייליגע וועגן, אָדער דורך לערנען זיינע ספרים, אָדער צו מאַכן אַ סעודה לכבודו.

עס שטייט אין ספה"ק 'בית אברהם' (פ' נח, ד"ה 'ענין'), אַז ביי די הילולא פון אַ צדיק, איז **אויך איינער וואָס האָט איהם נישט געקענט ביי זיין לעבן און ער האָט נישט געהערט דברי תורה פון זיין הייליג מויל, פונדעסטוועגן, אויב מ'גייט אין זיינע פיסטריט און מ'קומט זיך צוזאַמען, און מ'דערציילט הייליגע סיפּורים, און מ'טוט איבער'חזר'ן זיינע הייליגע ווערטער וואָס ער האָט געלערנט מיט אידישע קינדער ווי אַזוי צו דינען דעם אויבערשטען, קען מען דורך דעם דערגרייכן אַ קשר און אַ שייכות מיט'ן צדיק**, עכ"ד.

'מי לנו גדול' פונעם בעל ההילולא אַליין, וואָס ער האָט אונז געלערנט דעם וועג ווי אַזוי מ'קען זיך מדבק זיין אין איהם, ווי די מעשה וואָס האָט פּאַסירט ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין קהילה אין דער שטאָט אָוריטש. איידער ער איז אַרויפגעשטיגן אויפ'ן שיף וואָס האָט איהם געפירט קיין ארץ ישראל, האָט דער אָנוועזענדער עולם וואָס איז מיטגעקומען זיך געזעגענען, געבעטן דעם 'בת עין' אַז זיי ווילן ווייטער בלייבן דבוק אין איהם. האָט דער 'בת עין' זיי געזאָגט בזה הלשון:

- דער פסוק זאָגט 'ובו תדבק', נו, קען מען זיך דען מדבק זיין אין די שכינה, נאָר חז"ל זאָגן 'הדבק במידותיו', דו זאָלסט זיך אָנקלעבן אין די מידות פונעם אויבערשטען, פּונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער איז אַ רחום און אַ חנון, אַזוי זאָלסטו אויך זיין אַ רחום און אַ חנון. זעהט מען פון דעם, אַז **ווען מ'טוט זיך אָנקלעבן אין די מדות פון איינעם, איז גלייך ממש ווי מ'איז דבוק אין איהם אַליין. דעריבער זאָלט איר אויך זעהן צו זיין דבוק אין מיינע מידות וואָס איך האָב זיך איינגעוואוינט פון מיין יוגנט ביז'ן היינטיגן טאָג, און דאָס וועט גערעכנט ווערן גלייך ווי מ'איז זיך מדבק אין מיר ממש 'פּנים אל פּנים'.**

ער האָט אויסגעפירט: די מידות צו וועלכע איך האָב זיך צוגעוואוינט פון מיין יוגנט, זענען: **זיך צו דערווייטערן פון לשון הרע, שקר, און גאווה.** (געברענגט אין די הקדמה צו זיין הייליגן ספר 'בת עין', אין נאָמען פון זיין פלימעניק)

זי"ע ברענגט אין ספר 'עבודת עבודה': ס'איז מיר באַקאַנט פון אַ משפחה אין ארץ ישראל, וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, און זיי האָבן געמאַכט אַ סעודה אין דעם טאָג פון די הייליגע הילולא, און זענען באַלד געהאָלפן געוואָרן מיט אַ גרויסע ישועה, למעלה מדרך הטבע[כב].

---

## מן הבאר

אין דער סלאָנימער ישיבה 'בית אברהם' אין ירושלים, איז דאָ אַ 'קרן' אָפּצופּראַווען אַ סעודה יעדעס יאָר אינעם יאָרצייט פון דעם בעל 'בית עין' זי"ע. ומעשה שהיה כך היה:

מיט צענדליגער יאָרן צוריק, האָט געלעבט אַ איד מיט'ן נאָמען הרה"ח ר' שלמה גראָס ז"ל, וועלכער האָט געצויגן זיין 'פרנסה' פון פאַרקויפן אויל. דאָס איז געווען אַ שווערע פרנסה, וואָס האָט געפאָדערט פון איהם אַ סאַך פלאָג און האָרעוואַניע און געברענגט גאָר קליינע פאַרדינסטן. צוליב דעם האָט געהערשט אָרימקייט ביי איהם אין הויז.

איין יאָר, אין דער נאַכט פונעם יאָרצייט פונעם 'בת עין' זי"ע, האָט ר' שלמה זיך משתטח געווען אויפ'ן הייליגן ציון און זיך אויסגעגאָסן דאָס הארץ מיט תפילה און תחנונים אַז זיין מצב פון פרנסה זאָל ווערן לייכטער. דערנאָך איז ער אַהיימגעפאָרן און ביינאַכט האָט ער געזעהן אין חלום דעם הייליגן צדיק דער 'בת עין' זי"ע, וועלכער האָט איהם געזאָגט, **'וויסן זאָלסטו אַז דו האָסט מיר פאַרשאַפן אַ גרויסן קורת רוח ווען דו האָסט מתפלל געווען ביי מיין קבר** (עס איז באַקאַנט, אַז די נפטרים האָבן הנאה ווען מ'איז מתפלל ביי זייער קבר, זעה זוהר הקדוש פרשת ויחי, דף רכה.), **אָבער איך וויל דיך פרעגן: פאַרוואָס האָסטו נישט געפּראַוועט אַ סעודה לכבוד מיין יאָרצייט?** ר' שלמה האָט זיך תיכף ומיד אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און צוזאַמענגענומען פון די פאַרבליבענע שטיקלעך ברויט וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז. ער האָט צוזאַמענגענומען צען אידן, און זיי האָבן צוזאַמען געפּראַוועט די יאָרצייט-סעודה.

צומאָרגענס, האָט ר' שלמה געקויפט אַ 'לאָטערי', און ער האָט געוואונען אַ ריזיגן סכום געלט, פון וועלכן ער איז געוואָרן זייער רייך, און האָט אַפילו אויפגעשטעלט פון זיין געלט אַ 'קרן', וואָס פון דעם 'קרן' פּראַוועט מען נאָך ביז היינט יאָר-יערליך אַ סעודה אינעם יאָרצייט פונעם 'בת עין' זי"ע.

---

**כב.** מיר האָבן געהערט אַסאַך וואונדערליכע דערציילונגען וועגן די ישועה צו וועלכע אידן האָבן זוכה געווען אין זכות פון אַ גוטע קבלה צו פּראַווען אַ סעודה אין טאָג פונעם יאָרצייט אויב מ'וועט געהאָלפן ווערן ביז יענעם טאָג, און די ישועה איז געקומען **ממש נאָנט צום יאָרצייט...**

איין ביישפּיל: אַן עלטערער בחור וואָס זיינע חברים האָבן זיך אונטערגענומען, אַז אויב ער וועט ווערן אַ חתן ביז דעם טאָג פון י"ב כסלו, וועלן זיי איינאָרדענען אַ סעודה לכבוד דעם 'בת עין', און מ'האָט 'געבראָכן אַ טעלער' אין דעם טאָג פון **י"ב כסלו פאַרנאַכטס**, נאָנט צו די שקיעה...

אַן ענליכע מעשה האָט פּאַסירט מיט אַן עלטערן בחור (וואָס זיין שוועסטער וואָס איז יונגער פון איהם, האָט שוין אויפגעשטעלט אַ אידישע היים בשעה טובה), וועלכער איז געבליבן 'אַליין' אין ישיבה, און צוליב דעם גייט ער פון צייט צו צייט אַרבעטן אַלס 'ממלא מקום' אין די חדרים אין בני ברק.

י"ב כסלו תשפ"ג, האָט ער געאַרבעט אין דער סאַדיגערער תלמוד תורה, און אין צייט פון די 'הפסקה' איז פאָרגעקומען אַ גרויסע סעודה אין צימער פון די מלמדים. איז דער בחור נתעורר געוואָרן און ער האָט זיך אָנגערופן הויך אויפ'ן קול, 'איך נעם אויף זיך, אַז אויב איך וועל **טרעפן אַ זיווג** ביז 12 חדשים פון היינט - דאָס הייסט, ביז י"ב כסלו תשפ"ד - וועל איך, בלי נדר, אָפּרעכטן אַ סעודה לכבוד דעם יאָרצייט. האָבן די מלמדים איהם געפרעגט: פאַרוואָס בעטסטו נישט **חתונה צו האָבן** ביז יענעם טאָג? דער בחור האָט טאַקע 'פאַראַכטן' זיינע ווערטער און געזאָגט, אַז אויב ער וועט שטיין אונטער דער חופה ביז דעם טאָג פון י"ב כסלו תשפ"ד, וועט ער אָפּרעכטן אַ סעודה. ער האָט אָבער פאַרגעסן פון די גאַנצע מעשה, און פון די גוטע קבלה וואָס ער האָט גענומען אויף זיך.

אַלזאָ, חודש אייר האָט דער 'ים זיך געשפּאָלטן' ביי איהם, און ער איז געוואָרן אַ חתן אין אַ מזל'דיגע שעה. ווען מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ פּאַסיגן טאָג ווען צו מאַכן די חתונה, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז פון הימל

האָט מען צוגעפירט אַז די בעסטע צייט דערפאַר איז דאָנערשטאָג, **אור לי"א כסלו...** מ'האָט דאָס איינגעמאָלדן פאַר דעם חתן, און ווען ער איז עס געקומען פאַרצייכענען אין זיין 'ספר הזכרונות', האָט ער דאָרט געזעהן די גוטע קבלה וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, אַז אויב ער וועט אַ חתן ווערן ביז **י"ב כסלו...**

מיר האָבן געהערט פון די בעלי המעשה וועלכע וואוינען אין עיה"ק צפת. זיי זענען, ברוך השם, געווען געבענטשט מיט א קינדער-געבענטשטע שטוב בלע"ה, און פון יאָר צו יאָר איז געוואָרן מער ענג אין הויז. אַ לענגערע צייט האָבן זיי געזוכט צו קויפן אַ נייע גרעסערע דירה, אָבער אָן ערפאָלג. זיי זענען געגאַנגען זעהן פאַרשידענע דירות, אָבער קיין איינע פון זיי איז נישט געווען פאַסיג פאַר זיי, צוליב כל-ערליי סיבות.

פאַר דעם יאָרצייט אין יאָר תשפ"ב, האָבן זיי געזעהן אין אונזער גליון 'באר הפרשה' וועגן די גרויסקייט פונעם צדיק אין טאָג פון זיין הילולא, און זיי האָבן גענומען אויף זיך, אַז אויב זיי וועלן טרעפן אַ דירה ביז י"ב כסלו תשפ"ג, וועלן זיי פראַווען אַ סעודה לכבוד די הילולא. עשרת ימי תשובה תשפ"ג, האָבן זיי טאַקע געטראָפן אַ שיינע פאַסיגע דירה, און זיי האָבן שוין אַפילו געהאַט אָפּגעשמועסט מיט'ן מוכר וועגן דעם פרייז פון די דירה, אָבער ליידער האָבן זיי נישט באַוויזן צו טרעפן אַ קונה וואָס זאָל וועלן קויפן זייער אַלטע דירה, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר די נייע דירה, אויב זיי פאַרקויפן נישט פריער די אַלטע דירה. צוליב דעם, האָט דער קנין זיך אָפּגעהאַלטן, ביז אָנהייב חודש כסלו, ווען דער אייגענטימער פון די נייע דירה האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז אויב מ'וועט נישט אונטערשרייבן דעם 'קאָנטראַקט' ביז עטליכע טעג, ציהט ער זיך צוריק פון זיין התחייבות צו פאַרקויפן פאַר זיי די דירה, און ער וועט עס פאַרקויפן פאַר אַ צווייטן.

פרייטאָג פאַר'ן יאָרצייט פונעם 'בת עין' (וואָס איז אויסגעפאַלן אין יאָר תשפ"ג, אין אַ דינסטאָג) האָבן זיי גענומען אויף זיך, אַז אויב זיי וועלן באַוויזן צו געפינען באַלד אַ קונה פאַר זייער דירה, זענען זיי זיך מתחייב אָפּצורעכטן אַ סעודה לכבוד די הילולא, אויך אין יאָר תשפ"ד.

צוויי טעג שפּעטער, זונטאָג, איז געקומען אַ איד פון בני ברק, קוקן זייער אַלטע דירה כדי עס צו קויפן. דאָס איז געווען ממש 'שלא כדרך הטבע', ווייל דער איד פון בני ברק האָט פריער געהאַט אָפּגעשמועסט מיט אַ מעקלער ('בראָקער') אַז ער זאָל איהם ווייזן פאַרשידענע דירות וואָס זענען צום פאַרקויפן אין צפת, און אויף דעם אַרויף איז ער טאַקע געקומען צו פאָרן יענעם זונטאָג פון בני ברק קיין צפת, כדי צו באַגעגענען יענעם מעקלער, אָבער 'פונקט' יענעם טאָג איז דער מעלקער געוואָרן נישט געזונט ל"ע און דער איד פון בני ברק האָט געבעטן זיינעם אַ חבר אַז ער זאָל איהם ווייזן אַנדערע דירות וואָס ער ווייסט וועגן זיי, כדי ער זאָל נישט האָבן געקומען צו פאָרן אומזיסט פון בני ברק... יענער חבר האָט געוואוסט אַז זיי ווילן פאַרקויפן זייער דירה, און **דינסטאָג - י"ב כסלו - האָט מען אונטערגעשריבן דעם 'זכרון דברים' וועגן דעם פאַרקויף פון די דירה,** און אַזוי האָבן זיי געקענט קויפן די נייע באַקוועמערע דירה...

אגב, איז אינטערעסאַנט אָנצומערקן, אַז די באַלעבאַסטע פון די דירה האָט דערציילט די דאָזיגע מעשה פאַר אירע שכנות און באַקאַנטע, און עטליכע פון זיי וואָס האָבן געוואָלט קויפן אַן אַנדערע דירה, האָבן איר 'נאָכגעמאַכט' און זענען אויך נתעורר געוואָרן צו יענע גוטע קבלה, און זיי האָבן טאַקע אויך זוכה געווען צו זעהן א ישועה מן השמים...

מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן 'משגיח' אין איינע פון די באַרימטע ישיבות אין ארץ ישראל (מיר קענען איהם גוט), אַז נאָך יום טוב סוכות תשפ"ג, האָט ער פאַרברענגט אַ צייט אין צפת, וואו ער איז איין טאָג געגאַנגען זיך משתטח זיין אויף די קברים פון די צדיקים אינעם אַלטן בית החיים אין שטאָט. אויפ'ן וועג, איז ער אויך אַריינגעגאַנגען אין די מערה פונעם ציון פון הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע. שטייענדיג ביים ציון און זאָגנדיג תהלים, האָט ער מזכיר געווען זיינעם אַ פלימעניק, אַ חשובער בחור וועלכער איז שוין עטליכע יאָר געשטאַנען אין שידוכים און גאָרנישט האָט זיך נישט 'גערירט' פון אָרט. פון הימל האָט מען צוגעפירט, אַז דער 'משגיח' זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט (אָן דעם וואָס ער האָט פריער געטראַכט דערפון), אַז אויב דער בחור וועט ווערן אַ חתן ביז צום יאָרצייט פונעם 'בת עין', וועט ער אָפּרעכטן אַ סעודה לכבוד דעם בעל ההילולא פאַר אַ מנין אידן.

טיף אין האַרצן האָט איהם אָבער גענאָגט אַ ספק, צי דען איז מעגליך אַז אין אַזאַ קורצע צייט - זעקס וואָכן - זאָל קומען זיין ישועה... ער שטייט דאָך שוין אַזוי פיל יאָרן אין שידוכים און גאָרנישט האָט זיך נישט גערירט ביז יעצט.

**תורתו מגן לנו - לערנען זיינע הייליגע דברי תורה**

שלמה המלך ע"ה זאָגט אין משלי, 'אכול דבש הרבות לא טוב, וחקר כבודם כבוד' (כה, כז). זאָגט דער 'מאירי' (אין זיין פירוש אויף ספר משלי), אַז שלמה המלך ע"ה רעדט דאָ וועגן דעם צדיק, ווי עס איז משמע אין די פריערדיגע פסוקים ('ומקור משחת צדיק' וגו').

טייטשט דער 'מאירי': 'אכול דבש הרבות לא טוב' - האָניג איז זייער אַ זיס מאכל, אָבער פונדעסטוועגן, קען דער מענטש נישט עסן צופיל האָניג מיטאַמאָל, ווייל ער וועט זיך פאַרעקלען פון די זיסקייט. אָבער 'וחקר כבודם' - צו פאָרשן זייער כבוד, און אַלעם וואָס די צדיקים און אונזערע הייליגע אבות האָבן

---

אָבער וואונדער איבער וואונדער: **צוויי וואָכן שפּעטער**, איז דער בחור געוואָרן אַ חתן אין אַ מזל'דיגע שעה, און דער וואונדער איז געוועזן נאָך גרעסער, ווייל די כלה איז געווען קוים 17 יאָר אַלט... און נישט נאָר דאָס, נאָר איר'ס אַ ברודער האָט ערשט געהאַט חתונה געהאַט, און איר שוועסטער איז געווען אַ כלה, און קיינער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס איר טאַטע האָט זיך געיאָגט צו טוהן אַ שידוך מיט איר. נאָר וואָס דען, ס'איז קלאָר אַז **דער הייליגער 'בת עין' זי"ע האָט 'געשטופּט' דעם שידוך פון אויבן**, כדי דער בחור זאָל געהאָלפן ווערן מיט זיין זיווג.

מיר האָבן געהערט פון אַ חתן, וועלכער איז שוין געווען אַ 'זקן בא בימים' (צוליב אַ געוויסע סיבה), אַז צוויי וואָכן פאַר'ן יאָרצייט פונעם 'בת עין' זי"ע, אין יאָר תשפ"א, איז ער געפאָרן צום 'ציון', און זיך דאָרט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ ער זאָל זוכה זיין צו זעהן די ישועה פון באַשעפער. ער האָט גענומען אויף זיך, אַז אויב ער וועט אַ חתן ווערן **ביז'ן יאָרצייט**, וועט ער קומען נאָכאַמאָל 'מודיע זיין' וועגן די ישועה, און ער וועט אויך איינאָרדענען אַ סעודה לכבוד די הייליגע נשמה פונעם צדיק. **צען טעג שפּעטער**, איז געפּראַוועט געוואָרן די מסיבה פונעם 'תנאים', בקול רינה ותודה...

י"ב כסלו תש"פ, האָט ליידער פּאַסירט אַן שרעקליכן אומגליק רח"ל, ווען מערדערישע טעראָריסטן זענען אַריינגעקומען אין אַ 'סופּערמאַרקעט' פון ערליכע אידן אין דער שטאָט דזשערזי סיטי אין ניו דזשוירזי, און זיי האָבן דאָרט ליידער אומגעבראַכט עטליכע הייליגע אידישע נשמות. האָבן מיר געהערט אַ געשיכטע פון איינע פון די אידן וואָס האָבן בחסדי ה' זיך געראַטעוועט פון דער שרעקליכער שיסעריי, און אָט וואָס ער שרייבט אונז אין זיין בריוו:

- מיין נאָמען איז י.ב. גאָלדבערגער. איך פיר אָן מיט אַ רייזע פירמע אין אַמעריקע צוזאַמען מיט מיין ברודער, וועלכער וואוינט אין יוניאָן סיטי, וואָס איז אַ מרחק פון אַרום 20 מינוט צו פאָרן פון דזשערסי סיטי (איך וואוין אין וויליאַמסבורג).

- יענעם טאָג האָב איך געהאַט אַן 'אַפּאָינטמענט' זיך צו טרעפן אין דזשוירזי סיטי, מיט איינע פון מיינע קליענטן, אין זיין אָפיס. איך האָב געטראַכט צו גיין צום 'אַפּאָינטמענט', און דערנאָך אַריינצוגיין אינעם סופּערמאַרקעט, כדי צו קויפן עפּעס צו עסן צו זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ פאַר 'פת שחרית'. מיר האָבן געטראַכט אַז מיין ברודער וועט אַהין קומען אינעם סופּערמאַרקעט, און דאָרט וועלן מיר ערלעדיגן עטליכע ענינים פון די ביזנעס.

- נאָכ'ן 'אַפּאָינטמענט', ווען איך האָב זיך שוין געוואָנדן צו גיין צום סופּערמאַרקעט, האָט מיין ברודער זיך פאַרבונדן מיט מיר און מיר געזאָגט, אפשר קומסטו אַהער קיין יוניאָן סיטי, וואָס איז נישט מער ווי אַ רייזע פון 20 מינוט, ווייל מ'פּראַוועט דאָ אַ סעודה לכבוד די הילולא פונעם 'בת עין', און איך וועל דיך באַגעגענען דאָ, אין יוניאָן סיטי. איך האָב באַלד מסכים געווען, און איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג זיך צו טרעפן מיט איהם, און דורך דעם בין איך געראַטעוועט געוואָרן פון זיך אויפהאַלטן אין יענעם געשעפט אין דער צייט ווען די מערדער האָבן זיך דאָרט געפונען ה' ירחם.

צוויי יאָר צוריק, האָט מען געוואָלט פּראַווען אַ סעודת הילולא אין אַ געוויסן בית המדרש, נאָר ס'איז נישט געווען קיין געלט... זענען זיי צוגעגאַנגען צו איינע פון די מתפללים ער זאָל זיך ביישטייערן פאַר די מצוה, און יענער האָט געגעבן פינף הונדערט שקלים, פאַר'ן זכות פון זיינס אַ שוואָגער וואָס איז נעבעך געלעגן קראַנקן אין שפּיטאָל אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד רח"ל. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער באַקומען די גוטע בשורה אַז זיין שוואָגער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געעפענט די אויגן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, **אַז דאָס איז געווען ממש אין די מינוטן ווען ער האָט בייגעשטייערט פאַר די סעודה לכבוד די הילולא פון הייליגן 'בת עין' זי"ע.**

אויפגעטוהן אויף דער וועלט. 'כבוד' - איז אַ כבוד, און ס'איז גוט עס צו טוהן וואָס מער.

**און** דעריבער, וואָס מער מ'רעדט וועגן די גרויסקייט פון די צדיקים (און מ'לערנט זייערע הייליגע דברי תורה) איז עס אַ כבוד פאַר דעם וואָס פאַרמערט עס צו טוהן, ווייל וואָס מער ער וועט רעדן דערפון, וועט ער זינדיגן ווייניגער, ווען ער כאַפּט זיך אָן אין זייערע וועגן און ער טוט זיך אָנקלעבן אין זייערע הייליגע פעולות.

**דאַרפן** מיר טאַקע לערנען פון די מעשים פון די פריערדיגע צדיקים, 'מעשה אבות, סימן לבנים', צו לעבן אַ לעבן פון יראת שמים און יראת חטא, מיט אַ צוגאָב פון אמונה תמימה און בטחון אינעם הייליגן באַשעפער.

**דאָס** איז ספּעציעל געזאָגט געוואָרן אין דעם טאָג פון די הילולא פונעם צדיק, ווייל אויך אין די עולמות העליונים באַשעפטיגט מען זיך נאָר מיט זיינע גוטע מעשים און מיט די תורה וואָס ער האָט מחדש געווען, אַזוי ווי עס שרייבט דער רמ"ע מפאנו זצ"ל, אין זיין ספר 'כנפי יונה' (ח"ב, סי' צב, געברענגט אין 'ישמח ישראל', ט"ז סיון), אַז 'הילולא' מיינט אַ חתונה, און אויך אַ יאָרצייט ווערט אָנגערופן 'הילולא'. פּונקט אַזוי ווי אונטער די חופה פון אַ חתן און כלה, איז מען עוסק נאָר אין די

## מן הבאר

אין אַ ישיבה אין מודיעין עילית, האָבן די בחורים גענומען אויף זיך, אַז אויב ביז'ן יאָרצייט פון יאָר תשפ"א וועלן דרייסיג בחורים ווערן חתנים, וועלן זיי מאַכן אַ גרויסע סעודה לכבוד דעם 'בת עין'. יענעם יאָר, איז דער יאָרצייט געווען שבת, און די בחורים האָבן אָפּגעשמועסט צו מאַכן אַ 'שבת התוועדות' אין קוממיות, לכבוד די הייליגע הילולא. זונטאָג פאַר'ן יאָרצייט, האָבן זיי אָבער געהאַלטן נאָר ביי 29 חתנים... דער אויבערשטער האָט אָבער געהערט זייערע תפילות, און יענעם דאָנערשטאָג נאַכט, ליל שישי, איז דער דרייסיגסטער בחור געוואָרן אַ חתן אין אַ מזל'דיגע שעה, און זיי זענען געפאָרן מיט פרייליכע הערצער צו פראַווען דעם שבת צוזאַמען לכבוד דעם בעל ההילולא. ווען מ'האָט געפרעגט אַלע 'נוגעים בדבר', פאַרוואָס זיי האָבן עפּעס אָנגעכאַפּט פונקט די צאָל דרייסיג, 'לא פחות, ולא יותר'... האָבן זיי אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס, אָבער אַזוי איז אַרויס פון זייער מויל...

די דערמאָנטע מעשה איז דאַן געוואָרן באַקאַנט אין די ברייטע אידישע דאַס, און דערנאָך האָבן די בחורים אין אַ חשוב'ע ישיבה אין ירושלים עיה"ק, זיך אונטערגענומען אַז אויב צוואַנציג בחורים (אַזוי ווי די צאָל בחורים וואָס זענען 'איבערגעבליבן' פון יענע קלאַס) וועלן ווערן חתנים, וועלן זיי מאַכן אַ גרויסע סעודה אין טאָג פונעם יאָרצייט, י"ב כסלו תשפ"ב.

וכך הוה, אַ **וואָך פאַר די הילולא** איז דער צוואַנציגסטער בחור געוואָרן אַ חתן אין אַ מזל'דיגע שעה. דערנאָך האָט אַ דריטע ישיבה 'נאָכגעמאַכט' דעם זעלבן 'פּאַטענט', און אַ גרופּע בחורים דאָרט האָבן אויך גענומען אויף זיך, אַז אויב זיי וועלן ווערן חתנים וועלן זיי פראַווען אַ סעודת הילולא אין דעם טאָג י"ב כסלו תשפ"ג, און אַזוי איז טאַקע געווען...

**מיר ווילן דאָ אַרויסברענגען, אַז מ'דאַרף מאַכן אַ 'פרסומי ניסא', און מקיים זיין דעם פסוק 'שיחו בכל נפלאותיו', ווייל אויסער דעם עצם חיוב צו דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער ברוך הוא פאַר אַלע זיינע חסדים, איז דאָך דאָ אין דעם אַ גרויסער תועלת אויף פאַר אַנדערע מענטשן, ווי געזאָגט אויבן, אַז 'מצוה גוררת מצוה', און 'סעודה גוררת סעודה'. אַזוי פיל היימישע אידן נויטיגן זיך דאָך אין ישועות בפרט ובכלל, יעדער איינער אויף זיין אייגענעם וועג, און אידישע קינדער קוקן אַרויס אויף ישועות, דעריבער דאַרף מען זעהן מקיים צו זיין 'אל תמנע טוב'... אַז ווען מ'זעהט און מ'הערט וועגן די אַלע ישועות פון די בעלי המעשה, זאָל מען זיך אויך אונטערנעמען אַ גוטע זאַך, און דורך דעם וועלן זיי אויך אַרויסגיין בקרוב מאפילה לאורה... ממילא, לאָמיר מקיים זיין 'הרחב פיך ואמלאהו', און זיך נישט באַגענוגענען מיט קליינינקייטן, נאָר מ'זאָל בעטן גרויסע בקשות, 'כדאי הוא אותו צדיק לסמוך עליו'.**

ענינים פון די חתונה, און אויב איינער וועט דעמאָלס וועלן רעדן אין לערנען, אַפילו וועגן די שווערסטע סוגיות אין ש"ס, וועט מען איהם זאָגן, 'אין כאן המקום' - דאָ איז נישט דאָס אָרט צו זאָגן פשט'לעך... דאָס זעלבע איז לגבי דעם טאָג פון די פטירה פונעם צדיק, אַז דעמאָלס האָט אַן אָרט נאָר צו לערנען זיינע דברי תורה[כג].

אזוי שרייבט אויך דער 'כנפי יונה', אז דער סוד פון די הילולא פון צדיקים איז, אַז אין דעם טאָג ווען

---

**כג.** מיר ווייסן פון אַסאַך מעשיות וועגן **גרויסע ישועות וואָס אידן האָבן געהאַט דורך נעמען אויף זיך צו לערנען אין הייליגן ספר 'בת עין'**. אידן זענען געהאָלפן געוואָרן מיט ישועות אין אַלע ענינים, רפואה, גוטע קינדער, גוטע פרנסות און שידוכים, און אויך אַלע אַנדערע ענינים.

עס דערציילט הרב הגאון רבי ישעיה טישלער שליט"א פון בני ברק, אַז אין יאָר תשע"ז האָט ער באַגעגנט פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיר פון אַ חסיד'יש בית המדרש, אַ יונגערמאַן פון דער שטאָט 'קרית ספר', וועלכער איז געקומען אויף שבת צו זיין שווער אין בני ברק. נאָכ'ן זאָגן 'גוט שבת', האָט דער יונגערמאַן געפרעגט רבי ישעיה'ן צי ס'איז דאָ אין דעם בית המדרש דער ספר 'בת עין'. האָט רבי ישעיה איהם געענטפערט, אַז דאָ אין דעם בית המדרש איז נישט דאָ אַ 'בת עין', אָבער ביי מיר אינדערהיים האָב איך דעם הייליגן ספר 'בת עין', און אויב דו ווילסט, קום מיט מיר, און כ'וועל דיר גערן באָרגן דאָס ספר...

גייענדיג צוזאַמען, פרעגט רבי ישעיה דעם יונגערמאַן, אויב ער זוכט דייקא דעם ספר 'בת עין', אָדער אַן אַנדער חסיד'יש ספר וועט אויך גוט זיין... האָט דער יונגערמאַן געענטפערט מיט דערציילן פאַר רבי ישעיה'ן, אַז ער האָט נישט זוכה געווען צו קינדער 12 יאָר פון די חתונה. איז ער געפאָרן אַ יאָר פריער מיט זיין בני בית קיין צפת, כדי דאָרט מתפלל צו זיין אין זכות פונעם הייליגן צדיק דער 'בת עין' (ס'איז נישט געווען אין טאָג פונעם יאָרצייט). וויבאַלד ער איז אַ כהן און ער טאָר נישט גיין אויפ'ן בית החיים, איז ער צוגעפאָרן מיט זיין בני בית צו דער שול פונעם הייליגן 'בת עין' זי"ע, און זיי האָבן דאָרט איינגעריסן וועלטן מיט זייערע תפילות און תחנונים געהאָלפן צו ווערן מיט אַ קינד, און ער האָט דאָרט גענומען אויף זיך אַז ווען עס וועט געבוירן ווערן אַ בן זכר, וועט ער לערנען יעדן שבת (בשעת די סעודה) אין דעם הייליגן ספר'בת עין', אין משך פון ערשטן יאָר פונעם קינד... זיי זענען טאַקע געהאָלפן געוואָרן בחסדי ה', און ער האָט באַלד געקויפט דאָס ספר, ער זאָל עס האָבן ביי דער האַנט צו לערנען דערין יעדן שבת. ער איז ברוך השם מקיים זיין קבלה, נאָר דאָ, אין בני ברק, האָט ער נישט געטראָפן אין הויז פון זיין שווער דאָס ספר צו לערנען דערין, און וועגן דעם זוכט ער דייקא דעם דאָזיגן ספר...

מיר האָבן געהערט פונעם בעל העובדא, אַז 9 יאָר צוריק האָט ער גענומען אויף זיך, נאָך דעם ווי ער האָט געזעהן אין אונזער גליון 'באר הפרשה', וועגן דעם ענין צו לערנען יעדן שבת ביי די סעודה פון הייליגן ספר 'בת עין', און ער האָט עס אָנגעהאַלטן יעדע וואָך ביז'ן היינטיגן טאָג.

דער דאָזיגער יונגערמאַן מוטשעט זיך ליידער מיט פאַרשידענע פּראָבלעמען. איין תקופה איז עס שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין ממש נישט געקענט אויסהאַלטן די שוועריגקייטן, און ער האָט איין שבת באַשלאָסן, אַז דעם שבת וועט ער נישט לערנען אינעם ספר... ער האָט געטראַכט ביי זיך, איך לערן שוין דאָס ספר אַ לאַנגע צייט און כ'בין נאָך אַלץ נישט געהאָלפן געוואָרן, אויב אַזוי ווייזט דאָך אויס אַז דער 'בת עין' האָט חלילה 'פאַרגעסן' פון מיר. ממילא, וועל איך היינטיגע וואָך נישט לערנען אינעם הייליגן ספר, 'ויהי מה'. ער האָט אַזוי געטוהן... נו, מיר ווייסן דאָך אַז 'אין אדם נתפס על צערו'.

דער יונגערמאַן פירט זיך יעדן פרייטאָג צו נאַכטס צו זיצן מיט בחורים פון זיין קהילה ביי אַ 'באָטע', וואו מ'שמועסט דברי תורה און סיפורי צדיקים, און וועגן ענינים פון עבודת ה'.

יענע וואָך ווען דער יונגערמאַן האָט באַשלאָסן נישט צו לערנען אינעם ספר 'בת עין', איז געקומען צום 'באָטע' אַ בחור וועלכער קומט כמעט קיינמאָל נישט, און אויך ווען ער קומט שוין יאָ, זאָגט ער אַ קורץ וואָרט אָדער ער הערט פון אַנדערע. און דאָ, האָט פאַסירט אַ וואונדערליכע זאַך: דער בחור איז אַריינגעקומען און געבעטן פונעם ראש החבורה - דער דאָזיגער יונגערמאַן, אויב ער קען אפשר פאָרלערנען היינטיגע וואָך פון ספר 'בת עין'... דער יונגערמאַן האָט געהערט די בקשה פון דעם בחור, און זיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן... אָט האָט ער געטראַכט ביי זיך אַז ער קיינער זעהט איהם נישט און באַשלאָסן איין מאָל נישט צו לערנען, האָט דער אויבערשטער

דער צדיק ווערט נסתלק איז מען אין אַלע וועלטן נישט עוסק אין תורה, נאָר אין זיינע מעשים טובים און אין די תורה וואָס ער האָט מחדש געווען, פונקט אַזוי ווי די 'כתובה' וואָס מ'לייענט ביי די חתונה, וואָס דאָרט לייענט מען נאָר זאַכן וואָס זענען נוגע חתן-כלה, און אויף דעם זאָגן חז"ל (ברכות ו:) 'אגרא דבי הילולא מילי'. דאָס מיינט, די ווערטער וואָס ער האָט מחדש געווען אין תורה, עכ"ל.

דורך לערנען די דברי תורה פונעם צדיק און דערמאַנען זיינע ווערטער, ווערט עס גערעכנט פאַר דעם וואָס דערמאַנט זיינע ווערטער, גלייך ווי ער איז משפיע גוטס פאַר דעם צדיק, ווייל מיט דעם כח טוט די נשמה פונעם צדיק אַרויפגיין העכער אין די עולמות עליונים, ווי הרה"ק המגיד מזאָלאָזיץ זי"ע שרייבט אין זיין הייליגן ספר 'ברית אברם' (סוף הפטרת שבת הגדול), אַז ער האָט געהערט פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז נאָך זיין הסתלקות קען דער צדיק נישט אַרויפגיין העכער אין מדריגות, ביז מ'האָט איהם נישט גע'משפט אַפילו אויף די לייכטסטע זאַכן. און נאָך דעם ווי מ'האָט איהם שוין דן געווען אויף 'קלות שבקלות', קען ער אויך נישט צוקומען צו אַ העכערע מדריגה, נאָר ווען מענטשן דערציילן דאָ אויף דער וועלט וועגן זיין תורה און מעשים טובים, דאַן קומט דער צדיק וואָס מ'האָט דערציילט וועגן איהם, צו אַ העכערע עליה. און אַזוי יעדעס מאָל ווען איינער דערציילט פאַר'ן אַנדערן וועגן די יראי ה' וואָס זענען שוין בעולם העליון, האָט דער צדיק אַן עליה, און אויך די מענטשן וואָס דערציילן עס דאָ אויף דער וועלט, האָבן אַן עליה, עכ"ל.

דער אמת איז אָבער, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר אין דעם טאָג פונעם יאָרצייט, נאָר אַגאַנץ יאָר, גליסט די נשמה פונעם צדיק אַז מ'זאָל לערנען די דברי תורה וואָס ער האָט מחדש געווען אויף דער וועלט, ווי די גמרא זאָגט (יבמות צז.), רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב, אויפ'ן פסוק (תהלים סא, ה) 'אגורה באהלך עולמים', איז דען מעגליך פאַר אַ מענטש צו וואוינען אויף צוויי וועלטן? נאָר דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, יהי רצון - עס זאָל זיין דיין ווילן אַז מ'זאָל נאָכזאָגן אַ דבר שמועה אין מיין נאָמען אויף דער וועלט, ווייל רבי יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי, יעדער תלמיד חכם וואָס מ'זאָגט נאָך אַ דבר תורה אין זיין נאָמען אויף דער וועלט, טוהען זיינע ליפן רעדן אין קבר (די דברי תורה וואָס מ'זאָגט נאָך אין זיין נאָמען).

שרייבט דאָרט דער מהרש"א: 'שהיה נהנה בו אילו אמרו בשמו' - ווייל ער האָט הנאה געהאַט ווען מ'האָט עס נאָכגעזאָגט אין זיין נאָמען.

ס'איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט וועגן דעם, הרה"ק רבי נחום טשערנאָבילער זי"ע, בעל 'מאור עינים', אין 'ישמח לב' (אָנהייב מסכת שבת), אַז אין די לעצטע דורות, ווען מ'לערנט די ווערטער פון אַ תנא אָדער חכם פון די פריערדיגע דורות, טוט מען אַזוי באַלעבן דעם צדיק און מ'גיט אַריין חיות אין די ווערטער, וואָס צוליב דעם זאָגן חז"ל 'שפתותיו דובבות בקבר', וואָס מ'קען זאָגן אַז דאָס איז אַ בחינה פון אַ 'השתטחות'

---

איהם באַלד געשיקט אַ סימן און אַ רמז פון הימל, אַז זיינע מעשים זענען יאָ באַוויליגט, נאָר קיינער ווייסט דאָך נישט די חשבונות פונעם באַשעפער, פאַרוואָס ער איז נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן.

אויך פון דעם זעהען מיר די וואונדערליכע הנהגה פון דעם באַשעפער און די גרויסקייט פון די צדיקים, ווייל עס האָט קיינמאָל נישט פאַסירט אַזאַ זאַך אַז דער דאָזיגער בחור זאָלן פאַרלאַנגען צו לערנען אַ שטיקל אינעם ספר, נאָר וואָס דען, פון הימל האָט מען איהם געוויזן אַז מ'דאַרף יאָ לערנען אינעם ספר... דער יונגערמאַן האָט אויפ'ן אָרט באַשלאָסן פאָרצוזעצן זיין גוטן מנהג צו לערנען אינעם ספר יעדע וואָך, מיט נאָך מער שטאַרקייט און מיט התלהבות.

אגב, ביי אַ געלעגנהייט, האָט דער יונגערמאַן געפרעגט יענעם בחור, פאַרוואָס האָסטו עפּעס פלוצלינג באַשלאָסן יענעם שבת צו לערנען דעם ספר 'בת עין'? האָט דער בחור איהם געענטפערט, אַז יענע תקופה האָט ער באַקומען אַ 'התעוררות' צו לערנען אינדערהיים ביים שבת-טיש אין ספר 'בת עין', נאָר יענעם שבת האָט ער פאַרגעסן צו לערנען אינדערהיים, און דעריבער האָט ער געוואָלט לערנען מיט זיינע חברים ביים 'באָטע'...

אויף די קברים פון די צדיקים, ווייל אין די ווערטער פונעם צדיק ליגט באַהאַלטן זיין חיות וכו', עיי"ש.

**דער** מענטש וואָס לערנט די דברי תורה פונעם צדיק, איז זוכה אַז דער 'בעל השמועה' אַליין זאָל קומען און זיך באַהעפטן מיט איהם, ווי דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע שרייבט אין 'יערות דבש' (ח"ב, דרוש ז, אויף די אויבן-דערמאנטע ווערטער פון די גמרא אין מסכת יבמות) בזה הלשון: ווען מ'זאָגט נאָך אַ וואָרט פונעם צדיק, טוט די נשמה פונעם צדיק זיך אָנקליידן אין די מענטשן וואָס לערנען עס, און עס שטייט דאָרט... און צוליב דעם זאָגט מען אַז דוד המלך ע"ה האָט געוואוינט אויף ביידע וועלטן, דאָס הייסט, אויפ'ן עולם העליון, די אייביגע וועלט, און אויך אויף דער וועלט, אין די מענטשן וואָס לערנען זיינע הייליגע ווערטער, עכ"ל. דאָס הייסט, עס איז גלייך ווי ער 'רוהט' אין די מענטשן וואָס לערנען זיינע מאמרים.

**דער** צדיק איז מחויב כביכול מכיר טובה צו זיין פאַר דעם מענטש וואָס איז גורם אַז זיין נשמה זאָל גיין העכער און העכער אין די עולמות העליונים, און ער שטייט און איז מליץ טוב פאַר דעם מענטש אין הימל, אַז מ'זאָל משפיע זיין אויף איהם אַסאַך שפע לטובה ולברכה[כד], ווי עס שרייבט דער 'ספר חסידים' (סי' רכד), 'וכל האומר דבר שמועה מפיהם, הם מתפללים עליו שם ומליצים טובה עליו' - און יעדער איינער וואָס

---

**כד.** הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע האָט געזאָגט אַז **דורך דעם וואָס מ'דערמאנט דעם צדיק אויף דער וועלט, ווערן אידן געהאָלפן מיט אַן 'עליה ופקידה'.** ('מאורן של ישראל', ח"א, דף יד, י"ד שבט תרנ"ו, אות א)

### מן הבאר

דער פריערדיגער ליובאַוויטשער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, ברענגט ('אגרות קודש' מוהריי"צ, ח"ח, ע' קל) אַז ווען אַ איד לערנט אַ דבר תורה פון אַ צדיק, קומט אַ מלאך פון מחנה מיכאל צום היכל פונעם צדיק, און ער זאָגט איהם אָן די 'גוטע בשורה', אַז פלוני בן פלוני לערנט אין זיין ספר, און דער צדיק, דער מחבר פונעם ספר, איז מעורר רחמים אויף דעם וואָס לערנט, און אויף זיינע בני בית, ווייל די מלאכים ווייסן גוט וואָס פאַר אַ 'גוטע בשורה' ס'איז פאַר דעם צדיק אַז מ'לערנט אויף דער וועלט זיינע דברי תורה, ע"כ.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'ברכת אברהם' זי"ע, שרייבט אין די 'פתיחה' צום ספר 'בית אברהם', אַז אַמאָל אין דעם טאָג י"א חשון, די הילולא פון הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, האָט זיין אייניקל, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע פון סלאָנים, גערעדט וועגן דעם גרויסן ענין צו לערנען זיינע הייליגע ספרים, און ער האָט געזאָגט: 'דער צדיק אויף דער וועלט איז אין דער בחינה פון אַ 'הולך', און ווען ער ווערט נסתלק איז ער אַן 'עומד'. ווען מ'טוט נאָכזאָגן זיינע הייליגע ווערטער **איז דער צדיק מחויב זיי צו העלפן**, און אַזוי ווערט ער אין דער בחינה פון אַ 'מהלך', און עס ווערט מקויים ביי איהם דער פסוק (זכריה ג, ז) 'ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה', עכ"ד.

מיר האָבן געהערט פון הרה"ח רבי מאָטל ראָטמאַן שליט"א, אַ מעשה וואָס ער האָט בייגעוואוינט עטליכע יאָר צוריק. אַמאָל גייענדיג אויף דער גאַס אין דער מאה שערים געגנט אין ירושלים, האָט ער באַגעגענט אַ מכובד'יגן איד, אַ 'בעל תשובה', וועלכער האָט ליידער נישט פאַרמאָגט אַפילו אַ פרוטה. יענער האָט איהם געפרעגט אויב ער ווייסט צו זאָגן פון אַ געשעפט וואָס פאַרקויפט גענוצטע 'וואַש-מאַשינען', ווייל די וואַש-מאַשין ביי איהם אין הויז איז קאַליע געוואָרן, און די קינדער דאַרפן האָבן ריינע קליידער און מ'קען זיי נישט געבן. ער זוכט אַלזאָ צו קויפן אַ מאַשין פאַר אַ ביליגערן פרייז.

רבי מאָטל האָט פרובירט איהם אָפּצורעדן דערפון, ווייל יעדער איינער ווייסט דאָך אַז ס'איז נאַריש צו קויפן אַ 'צווייטהאַנטיגע' וואַש-מאַשין, ווייל מ'קען דאָך קיינמאָל נישט וויסן וואָס פאַר אַ פראָבלעמען עס קענען אויפקומען ווען מ'באַנוצט זיך דערמיט. האָט רבי מאָטל איהם געזאָגט: 'היינט איז דאָך די יאָרצייט פונעם 'בת עין', און איך גרייט זיך צו פאָרן קיין צפת מתפלל צו זיין ביים ציון, קום מיט אונז, און מיר וועלן שוין פועל'ן פאַר דיר אַ ישועה.

געזאָגט און געטוהן. מ'איז געפאָרן קיין צפת, און במשך פונעם גאַנצן וועג האָט דער איד נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די 'וואַש-מאַשין'. יענע מאַשין איז גוט, און די מאַשינען פון יענע 'פירמע' טויגן נישט... און בכלל, איז ער באַזאָרגט וואָס עס וועט זיין דער סוף, ווי אַזוי וועט מען וואַשן די קליידער פון זיינע גרויסע און קליינע קינדער...

זאָגט נאָך אַ דבר שמועה אין זייער נאָמען, זענען זיי מתפלל אויף איהם דאָרט אין הימל, און זאָגן גוטס אויף איהם.

**דאָס** איז אָבער נאָך מער געזאָגט געוואָרן אינעם טאָג פון זיין הילולא, אַז אויב אין די עולמות העליונים באַשעפטיגט מען זיך נאָר מיט זיינע גוטע מעשים, און מיט די תורה וואָס ער האָט מחדש געווען, ווי עס שרייבט דאָרט דער רמ"ע מפאנו, ממילא, דאַרפן מיר אויך לערנען זיין תורה און גיין אין זיינע הייליגע וועגן

אין דעם טאָג, און דורך דעם וועלן מיר זיך אָנקלעבן אין איהם און זיך פאַרבינדן מיט זיין הייליגע נשמה, און מיר וועלן זוכה זיין צו 'תורתו מגן לנו, והוא ימליץ טוב בעדנו', אמן.

**דער** זכות פונעם הייליגן בעל ההילולא זאָל אויף אונז מגין זיין, להפקד במהרה בדבר ישועה ורחמים משמי שמי קדם, מיט ישועות ברוחניות ובגשמיות, מיט אַסאַך שפע און אַלע סאָרטן טובות אויף דער וועלט, ישראל נושע בה' תשועת עולמים, במהרה בימינו אמן.

---

אָנקומענדיג צום ציון, האָט יעדער איינער פון די קבוצה מתפלל געווען פאַר אַ ישועה, יעדער איינער, אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן. דאַן זענען זיי געפאָרן קיין מירון, און געקויפט אין דער דאָרטיגער 'גראָסערי' ברויט און אַנדערע מאכלים, און זיי זענען אַרויף צום ציון פון הייליגן תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי, כדי דאָרט צו פראַוועון די סעודת הילולא.

אַרויסקומענדיג פונעם 'ציון' פון רבי שמעון בר יוחאי, האָט דער טעלעפאָן פון דעם איד זיך צעקלינגען, און פון דער אַנדערער זייט פונעם טעלעפאָן טרייבל, האָט מען איהם געזאָגט די 'בשורה', אַז דער 'לאָטאָ' וואָס ער האָט געקויפט פון אַ מוסד אַ לאַנגע צייט פריער, האָט געוואונען אַ נייע און 'סאָפיסטיקירטע' וואַש-מאַשין...

זאָגט אונז רבי מאָטל מיט ווייטאָג וועגן יענעם נצרך: דער צדיק איז דאָך בכח משפיע צו זיין אַ גרויסע שפע, און ס'איז אַ שאָד אויף יענעם איד אַז ער האָט 'איינגעצוימט' זיין גאַנצע שפע אין אַ וואַש-מאַשין, **וואָס ער האָט עס טאַקע באַקומען, אָבער אויב ער וואָלט געבעטן מיט גרעסערע 'השגות', וואָלט ער דאָך אַוודאי באַקומען אַסאַך מער השפעות טובות** (אגב, דערציילט רבי מאָטל וועגן זיך, אַז ביי יענע נסיעה צום ציון אין צפת, האָט ער ב"ה גע'פועל'ט פאַר זיך אַסאַך גרויסע ישועות).

# אבן יש ה' במקום הזה

הרה"ק רבי יאַנקעלע פּשעוואָרסקער זי"ע האָט דערציילט די פאָלגענדע מעשה: אַ איד אַן 'עם הארץ מדאורייתא ומדרבנן', האָט 'זוכה געווען' (ווייזט אויס, אַדאַנק 'זכות אבות') צו אַ חתן אַ תלמיד חכם און אַן עובד ה'.

פּסח ביינאַכט ביים סדר, ווען דער זייגער האָט שוין געוויזן אַז ס'איז 2:30 פאַרטאָגס, זענען זיי אָנגעקומען צו 'חד גדיא'. און אָט האָט דער שווער געזעהן ווי דער נייער איידים 'ברענט ווי אַ פייער' פון התלהבות ביים זאָגן דעם 'חד גדיא', און ער איז געווען נייגעריג צו וויסן וואָס עס איז דער באַדייט פון דעם 'חד גדיא', וואָס דער איידים 'קאָכט' אַזוי ביים זאָגן דעם פּיוט. ער האָט אַלזאָ געפרעגט דעם איידים, וואָס איז דאָס 'קאָכעניש' אַזוי ביים זאָגן דעם 'חד גדיא'... האָט דער איידים איהם געענטפערט מיט דערציילן די גאַנצע מעשה, אַז אַ טאַטע פון קינדער האָט געקויפט אַ 'ציגעלע' פאַר צוויי זוזים (רענדלעך), איז געקומען אַ קאַץ און זי האָט אויפגעגעסן דאָס ציגעלע, און אַזוי ווייטער.

דער שווער, אָבער, מיט זיין 'גרויסן פאַרשטאַנד' האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון די מעשה. האָט דער איידים איהם נאָך אַמאָל ערקלערט די מעשה מיט אַלע איינצלהייטן, אַז מ'האָט געקויפט אַ ציגעלע פאַר צוויי זוז א.א.וו. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען צוואָנציג מינוט, דער איידים קלערט-אויף, און דער שווער פרעגט איין מאָל און נאָך אַמאָל, וויל ער האָט נעבעך נישט באַוויזן צו פאַרשטיין די זאַך. ענדליך, האָט דער איידים באַשלאָסן צו מאַכן אַ 'סוף' דערצו, און זיך אָנגערופן צום שווער:

- שווער לעבן, דער גאַנצער זמר איז **'על פי סוד'**, באַהאַלטענע ענינים...

האָט דער שווער געזאָגט: 'אָה, פון דער ערשטער מינוט האָב איך פאַרשטאַנען אַז אַלעס איז בדרך הסוד'... דאָ איז דער איידים שוין געוואָרן נייגעריג, קלערנדיג, ווער ווייסט צי דער שווער איז נישט אפשר פון די 'צדיקים נסתרים', און ער האָט אַ השגה אין תורת הנסתר... ער האָט שוין נישט געוואוסט וואָס צו טראַכטן... האָט ער געפרעגט דעם שווער, ווי אַזוי האָט דער שווער פאַרשטאַנען דאָ אַז עס איז על-פי סוד? האָט דער שווער געענטפערט דעם איידים:

- מיר קען מען דאָך נישט פאַרקויפן קיין 'לאָקשן', און איינרעדן מעשיות... איך בין שוין אַ איד אַ 'בא בשנים', און כ'בין גוט באַקאַנט מיט'ן מאַרק פון די בהמות. זאָג מיר נאָר וואו קען מען קויפן אַ ציגעלע פאַר צוויי זוז... יעדעס ציגעלע, קאָסט דאָך אַמווייניגסטענס 100 זוז... און נאָך מער, ווער קויפט דען אַ ציגעלע 2:30 אַזייגער ביינאַכט... אַ ציגעלע קויפט מען צען אַזייגער אינדערפרי'...

האָט דער איידים געפרעגט דעם שווער: נו, און וואָס איז יעצט פאַרענטפערט געוואָרן פאַר'ן שווער, אַז ער זאָגט אַז עס איז על פי סוד?... האָט דער שווער געענטופערט,

אַז ער מיינט צו זאָגן, מסתמא האָט מען געקויפט דאָס ציגעלע אויפ'ן **'שוואַרצן מאַרק'**... דאָרט קען מען טרעפן אַזעלכע וואונדערליכע 'מציאות', צו באַקומען אַ ציגעלע פאַר צוויי זוז... און אויך איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן די צווייטע קשיא, ווייל אַזעלכע 'שוואַרצע געשעפטן' מאַכט מען 2:30 פאַרטאָגס, ווען קיינער זעהט נישט...

די מעשה, איז אַ וואונדערליכער מוסר השכל פאַר יעדן איינעם פון אונז. מענטשן דרייען זיך אַרום מיואש און צובראָכן. זיי שפּירן זיך דערווייטער פון באַשעפער. וואָס קענען מיר טוהן, מיר זענען דען עוסק אין תורה און תפילה, אַזוי ווי די פריערדיגע דורות... מיר זענען דאָך נישט בכח צו טוהן נאָר קליינע פעולות, אַביסל זיך שטאַרקן אויפ'ן יצר, אַביסל תורה און תפילה. **דאָס איז אָבער אַ טעות**, אַז מיר טוהען נישט אָפּשאַצן און מחשיב זיין יעדע קליינע פעולה, **ספּעציעל אין היינטיגן דור**, ווי דער גאון רבי שלמה איגר זצ"ל האָט געזאָגט אויף דעם וואָס מיר זאָגן טאַקע אין דעם דערמאנטן זמר 'חד גדיא', 'דזבין אבא בתרי זוזי'. **'אבא'** איז אַ רמז אויף אונזער טאַטן אין הימל. דער אויבערשטער 'קויפט' אונז און ער האָט הנאה פון אונזערע מעשים, אַפילו **'בתרי זוזי'**, ווען דער מענטש **'רוקט'** זיך נאָר אַביסל. צום ביישפּיל, **ער רוקט אַוועק זיינע אויגן נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן. ער רוקט אַוועק זיין האַרץ נישט צו טראַכטן שלעכטע מחשבות וכו', און ער רוקט זיך אַוועק אַביסל צו לערנען א.א.וו.**, ווייל דער אויבערשטער 'קויפט' אויך יעדע קליינע פעולה וואָס מיר טוהען, און יענער 'עם הארץ' וואונדערט זיך, ווי אַזוי קען מען פאַר אַזאַ ביליגן פרייז צופרידנשטעלן דעם באַשעפער ברוך הוא, אַז ער זאָל עס 'קויפן', ספּעציעל נאָך אַז מיר געפינען זיך אין אַזאַ **'טונקעלן'** דור... דער **'סוד'** איז אָבער, **אַז דייקא דערפאַר ווייל מיר באַשעפטיגן זיך ח"ו מיט'ן 'שוואַרצן מאַרק'**, דאָס הייסט, ווען ס'איז פינצטער און מ'געפינט זיך אין אַ שטענדיגע מלחמה מיט'ן יצר הרע, איז יעדע התגברות און יעדע קלענסטע עבודה חשוב אין הימל, ביז דער אויבערשטער 'קויפט' אונז, ווי חז"ל זאָגן (אבות פ"ו מ"י) 'חמשה קניינים קנה לו הקדוש ברוך הוא בעולמו וכו', ישראל קנין אחד'.

שטייענדיג פאַר די הילולא קדישא פונעם הייליגן 'בת עין' זי"ע, איז כדי צו געדענקן, אַז **אפילו אינמיטן יאָר** (נישט נאָר י"ב כסלו), **ווען דער מענטש האָט אַ נסיון אין דעם ענין פון שמירת עינים, און ער קעמפט מיט זיין יצר הרע און שטאַרקט זיך אויף איהם, און ער האַלט צוריק זיינע אויגן פון קוקן אויף שלעכטס, ער היט זיין 'בת עין', קען ער אויך פראַוועון אַ 'סעודת בת עין'** אויף דעם וואָס ער האָט געהיטן זיין 'בת עין', און פראַוועון אַ סעודת מצוה מיט אַ פרייליך האַרץ, זיך צו פרייען מיט דעם וואָס ער האָט זיך געשטאַרקט איבער זיין יצר הרע. **אַזאַ סעודת מצוה איז אַוודאי מסוגל צו אַלע סאָרטן ישועות ברוחניות ובגשמיות.**